און זוכסט נישט דיינע שאטנס, דיינע פלעקן,
פאר קיינעם צו פארהילן און פארדעקן.
נאקעט שטייסט מיט אלעם גוטן, אלעם בייזן,
ווי פאר דעם ים אין א זומער־טאג א הייסן.

כ׳האב ליב דאס ברייט, דערהויבנדיק געמיט,
ווען פילסט קיין ווייטיק אייגענעם שוין נישט,
ארויסשפרייזן דו קענסט פון זיך אליין,
צעשיידן זיך מיט אלץ וואס נישטיק און געמיין,
ווען גבורה ריזלט אין דיין בלוט און דו ווערסט שטארק,
אז אויפהויבן געקענט וואלסטו א בארג,
א פייער־וואנט פארשטעלן מיט דיין גוף
און אומגעשטרויכלט דורכגיין יעדן פרווו,
פון דור דעם גרויזאמען אין ראנגלענדיקער וועלט,
ווען בלויז צו בלייבן מענטש, זיין דו מוזט א העלד.

---

די דיכטערין דארא טייטלבוים, איז געווען דער גאסט ביים ארבעטער־ רינג אין לאנדאן, וו זי האט געליינט פון איר איצט ניי־דערשינענעם בוך.

---

א רפואה שלימה במהירה דעם ד״ר יעקב י. מייטלים, וועלכער געפינט זיך אויף אן אפעראציע אין שפיטאל.

**יוסף הלל בינענפעלדן** ווינטשן מיר א באלדיקע גענעזונג נאך דער שווערער אפעראציעס, וואס ער האט לעצטנס אדורכגעמאכט. — לשון און לעבן

מזל טוב דעם אייניקל פונם דיכטער יוסף הלל לעווי — **אנעטע טרענער** און איר לעבנס־באשערטן, **אלאן וואלפזאן** צו זייער חתונה. זאלן די עלטערן מיט דער באבע מרים לעווי דערלעבן פיל נחת. —לשון און לעבן

מזל טוב הרב ר׳ **יונה שטענצל** שליט״א און זוגתו צו דער חתונה פון זייער זון, **שלמה** נ״י, מיט דער כלה, **נחמה** שתחיה, די טאכטער פון הרב ר׳ משה הלוי לינשה שליט״א ורעיתו. די חתונה איז פארגעקומען אין בני־ ברק י״ד סיון. — א. נ. שטענצל.

---

## יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס

(בערנארד באראן סעטלמענט, בערנער סטר. 33, א.1. שבת, 3 א זייגער)

שבת, דעם 8׳טן יולי — די יארצייט פון שלום אש. לייענען פון אש דער־ ציילונגען. מ. דאמב: „אש דער ליריקער פון דער יידישער פראזע״.

שבת, דעם 15׳טן — די יארצייטן פון חיים נחמן ביאליק און דר. הערצל: רעדנער יעקב ריכטיגער און ה. נ. בענקוויטש. פון ביאליקס לידער — לייענען און זינגען נעט רובין און מאיר באגדאנסקי. איבער דעם יעצט פארשטארבענעם לינקן פועלי־ציון־פירער, זרובבל וועט ריידן משה דאמב.

שבת, דעם 22׳סטן — דאס טראדיציאנעלע דריי וואכן־און 9־טעג פראגראם.

שבת, דעם 29׳סטן איבער מדרש איכה — יעקב ריכטיגער רעציטער נעט רובין,

272

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 10־9 (העפט 30־429) אכט און צוואנציקסטן יאר סעפ.־אקט. 1967 לאנאן

א י נ ה א ל ט

רמזים צום שנת תשכ״ח, דער נס וואס איז געווען און דער שלום וואס מוז קומען, און צום סוף, ראש־השנה תחינות, יום־כיפור אין קאצק ...... ** 1
מ׳קלייבט חזנים (הומארעסקע) ...... א. מ. קייזער 9
אין וואלד אליין (ליד) ...... עלא זילבערג 12
אב־הרחמים (א תפילה) ...... שמואל ווהייט 12
צו ליכט־בענטשן (ליד) ...... דערעק ריד 13
ניו־יארק א יידיש שטעטעלע (רעפארטאזש) ...... הערץ בערגנער 13
ייד, האסט ליב דעם זינגער (לידער) ...... יוסף לעפטוויטש 17
די געזע ראדאמסק (פאעמע) ...... א. נ. שטענצל 18
שיך (דערציילונג) ...... ש״י עגנון 30
די פרווי (דערציילונג) ...... יוסף ד. באסט 32
די ליבעס און אוואנטורעס פון שמשון הגבור (פאעמא) ...... יעקב ריכטיגער 36
בראשית אין אנהייב (המשך פון קאפיטל) פראזע ...... ש. 46
עיר שלם (ליד) ...... משה דרוקש 54
אין מלכות פון דער יידישער פרעסע (רעצענזיע) ...... ש. י. דארפזאן 55
מיין צוואה (ליד) ...... י. ל. פיין 58
שטריכן איבער איליא ערנבורג ...... משה דאמב 59
קאלירן און קלאנגען פון רבקה קאפע (רעצענזיע) ...... יחזקאל בראנשטיין 60
א שטעקעלע א שטעקעלע אריין ...... ש. 62
יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס ...... 80

לשנה טובהס

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—
'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל
פרייז 2 שילינג

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1*

די רעדאקציע „לשון און לעבן" ווינשט אירע מיטארבעטער, לייענער און כל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

די ברידער נאראדיצקי, בר כוכבא און כרמל, פון פארלאג און דרוקעריי „די נאראד פרעס" ווינטשן א כתיבה וחתימה טובה זייער מוטער אין ישראל און זייער קרובים און פריינט, אנגעשטעלטע און קליענטן.

מיכאל, רות און גילעד לידור ווינטשן זיירע עלטערן און שוועסטערן אין לאנדאן און אין ישראל און אלע קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

זרובבל נאראד און פרוי ווינטשן א כוח"ס זייער משפחה און פריינט.

מנשה און מילי ווייסגראז ווינטשן זייערע קינדער, משפחה און גוטע פריינט, א גוט געזונט יאר.

נ. רובין און פאמיליע ווינשן זייער משפחה און פריינט פון יידיש לשון שוישפילער פון גראנד־פאלעיי־טעאטער און באזינדער מארק מארקאוו און עטא טאל, אין סאדערן ראדישיאפ, א כתיבה וחתימה טובה.

עלא זילבערג — שנה טובה ומאושרת, א געזונטן פרייליכן יאר פאר מיין ליבן ברודער, זיינע פרוי און קינדער, און פאר אלע פריינט פון אידישן פאלק און לשון.

חיים נח בענקווימש — לשנה טובה צו מיינע קינדער, אייניקלאך, און אייניקל, משפחה און כלל ישראל.

א געזונט און גליקלעך יאר, ווינטשן מיר אונזער טאכטער איידעם, אייניקל, ריטשמאנס משפחה און פריינט. באזונדערס אלע פריינט פון „פריינט פון יידיש לשון" די „ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס" און כל ישראל—אייזיק גאלדבערג און פרוי צביה.

פארזיצערן פונם איסט לאנדאן „וויצ"א מרס. אני נאדלער, ווינשט די מעמבערס פון וויצ"א, בית ציון און „לשון און לעבן" א כתיבה וחתימה טובה.

סידי שעני פון 463 קאמערשל רויד א.1. ווינשט איר ברודער, און פאמיליע, און אלע פריינד א גוט און גליקלעך יאר.

סעם לעפ און פרוי ווינטשן אלע פריינט א גוט געזונט יאר.

יעקב ריכטיגער און פרוי שיקן א כתיבה וחתימה טובה אלע זייערע קרובים און פריינט און כל ישראל בכל מקום שהם.

שמואל און אסתר ווהייט—ווינטשן זייער פאמיליע, פריינד און כלל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

כ'ווינטש א כתיבה וחתימה טובה מיינע פריינט — משה דאמב.

משה בעקערמאן ווינטשן משפחה, פריינט אין ענגלאנד, פראנקרייך, פוילן און אמעריקע און כל ישראל איאר פון געזונט, פרנסה און א פריעדלעך לעבן.

רחל מירסקי ווינשט איר שוועסטער און שוואגער אין דער שווייץ, איר ברודער מיט זיין פרוי און קינדער אין אמעריקא, איר משפחה אין מדינת ישראל אויך אין פאריז און אלע פריינט אין לאנדאן א גוט יאר.

א יאר פון גאולה און ישועה און פון שאפערישער פרייד ווינטשט פריינד און נאענטע, דר. יעקב י. מייטלים און משפחה.

מיכאל זילבערבערג און פרוי — א כתיבה וחתימה טובה צו אלע אונדזערע פריינד, בכל מקום שהם.

יודל גאלדבערג, פרוי און טאכטער ווינטשן די גאנצע משפחה, פריינט און באקאנטע א גוט יאר.

ל. ביילי — איך ווינטש מיינע קינדער און אייניקלעך, אור־אייניקלעך, אויך מיין ליבע שוועסטער מיט איער מאן איין גוט און געזונד יאר.

מרים לעווי און פאמיליע ווינשט אלע פריינט אלעס בעסטע צום נייען יאר.

דוד גרייוועד ווינטשט משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

שלמה ראזענפארב ווינשט קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

נחום שטענצל, פרוי און מאכטער און א. נ. שטענצל ווינטשן אלע זיינע קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

מארי ביעטש פרוי און זון, ווינטשן זייער משפחה, קרובים און פריינט, בכל מקום שהם, קרובים און פריינט, בכל מקום שהם, און „פריינט פון יידיש לשון" א גוט און גליקליך יאר. און א כתיבה וחתימה טובה.

יוסף הלל בינענפעלד ווינשט זיינע טעכטער, איידעמס, אייניקלעך, א כתיבה וחתימה טובה.

חנה הינדע שפיגלמאן, ווינשט אירע קינדער אין ענגלאנד און אין אמעריקע, אירע


# לשון און לעבן

**חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור**

נומער 10־9 (העפט 30־429) אכט און צוואנציקסטן יאר סעפ.־אקט. 1967 לאנאן


## רמזים צום שנת תשכ"ח

עס איז קיין שום ספק אז דאס פארגאנגענע יאר 1967, דער שנת תשכ"ז, וועט בלייבן אן אנגעזעגער דאטום אין דער יידישער געשיכטע, און די אנשי־רמזים וועלן געפינען כל־ערליי באווייזן פון תנ"ך, פון חז"ל און בעיקר פון זוהר, — און אז ס'זאל טאקע שטייען בפירוש, אין זוהר, און נישט נאר בלויז דארט עפעס א רמז, אז דער שנת ה.תשכ"ז איז באמת דער שנת הגאולה.

שפילט זיך מיטן יידישן פאלק, אויף אלץ איז פאראן א פסוק און אויב נישט א בפירושער פסוק איז כאטשע — א רמז אין הייליקן זוהר.

אבער בשעת די אנשי־רמז געפונען שוין רמזים גאנצע צוויי טויזנט יאר. האבן די אנשי חיל הייאר געווינען די מלחמה און נישט נאר ממש געפונען לעבעדיקע די דריטהאלבן מיליאן יידן אין ישראל, נאר האבן אויך אפגעראטעוועט מיליאנען פארלוירענע יידן אין די תפוצות. יידן, ווייטע אוועק, שוין אן שום שמץ פון יידישקייט, פון עול פון יידן האבן זיך צוריקגעפונען, האבן זיך דערפילט ווי יידן, יידן שפלע, מיט א מינדערוועטיקייט האבן באקומען א שטאלץ אין זיך — „כי גאה גאה"! דאס הארץ האט ביי זיי גענומען פויקן, און דער טרויער אין די אויגן טאנצן, ווו ביי נס פון קריאת ים־סוף — נישט נאר מיר יידן, די גאנצע וועלט איז געבליבן שטיין פאר א ווונדער.

צי דארף מען ערשט נעמען דערציילן דאס וואס ס'איז שוין צעפויקט אין אלע שבעים לשונות אין אלע צייטינגען און ראדיאס און טעלעוויזיעס פון גאר דער וועלט.

וואס וועט אבער ווייטער געשען? וואס וועט געשען אין נייעם יאר, שנת תשכ"ח? „תכלה שנה וקלותיהו", ווען וועט שוין זיין „תחל שנה וברכותיה"; געווונען א קריג אן שלום איז נאך נישט קיין זיג. די לעצט ברכה אין ברכת־כהנים איז שלום.

ווען ווונדער געשעען ברויך מען נישט ערשט צו זיין קיין נביא — „ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל בנבואתו".

אט וואס איך האב אויף מיין אייגענעם ארעמען הויף אין ווייטשעפל געזען: אן אכציק יאריקע היימישער שניידער, וואס איבער זעכציק יאר געשטאנען ביים פרעס־אייזן און איצט א פארזאגטער שוין מיט אלעם גוטן, א פולע פענסיע, די כשר מיטאגן ברענגט מען אים אין הויז אריין, „מילס אויף ווילס", ווייל דאס „גיין קומט אים שוין אן שווערלעך". מיט אלעם ב"ה באזארגט, אפילו זיין מצבה שטייט שוין א פערטיקע ביים מצבה־קריצער, מען

ברויכט נאר אריינצושטעלט דעם שנת, האט אט דער ייד א קניפל אונטער קושן, דריי אפגעשפארטע צענערלעך פאר א „רעגנדיקן טאג“, האט דער עמך־ייד, דער יגיע־כפימניק, אין טאג ווען מען האט איינגענומען אלט־ירושלים געשיקט דריי „פייווערס“ פארן ישראל־פאנד.

היינט פארבייגענדיק פאר זיין טיר, גייענדיק אין דרוקעריי צו מאכן דעם ראש־השנה־נומער, רופט ער מיך צו: „וואס זאגט איר, ס׳וועט גוט זיין“? דאס מיינט ער, צי ס׳וועט זיין שלום, צי מיר וועלן האבן גאנץ ירושלים. ער וויל נאך, נעמלעך, צושיקן די אנדערע דריי פייווערס, ווי לאנג זיינע אויגן זיינען נאך אפן... ער וויל זיין זיכער!

„יא, ס׳וועט גוט זיין“! ענטפער איך אים מיט א זיכערן טאן: יא מיט אזא יגיע־כפים־געלד מוז זיין גוט, און איך טאפ בשעת־מעשה דעם גמטריא־כתב־יד פון רעוו נוימאן נישט קיין חסידישער רבי און נישט קיין מתנגדישער רב, דער רעווערענד פון דער אלטער דאטש־שול אין ווייטשעפל. רעוו דוד נוימאן איז שוין א הורתו ולידתו בווייטשעפל, אן אויסשטודירטער און די סימינארן דא. וועל איך כאטש אפדריקן צוויי פון דעם שלל פון גמטריאות וואס ער האט מחבר געווען איבער די נעמען פון אלע אונזערע אראבישע שונאים און איבער אונזערע גבורים אינם נצחון אין ישראל.

מי הוא איש חיל, בגמטריא: משה דין. ברכות ומזל־טוב, בגמטריא: תשכ״ח.

דעם שונא־לפ״ק וואס דער גוט־באקאנטער העברעאישער זשורנאליסט אברהם רזנטל האט ציגעשיקט וועלן מיר דווקא יא אפדרוקן. „זכר עמלק איז בגימ׳: „הגרמנים הם האויבים“. ער לייגט נאך צו: „מה שעשה לך עמלק דימינו אל תשכ״ח“. — כשר גערעכט, פריינט ראזענטאל!

## דער נס וואס איז געווען און דער שלום וואס מוז קומען

דאס גרויסע נס איז געווען, וואס עס האט נישט געלאט ווארטן אויף זיך. אז מ׳קוקט ארויס אויף א נס קריכן די אויגן דערווייל ארויס. די מלחמה איז געגאנגען „ווי א מזמור — ס׳איז געווען „ברינה יקצורו“. וויפיל טויזנטער לעבנס וואלט נאך פארשניטן געווארן ווען די מלחמה וואלט זיך חלילה לאנג פארצויגן, און מיר וואלטן חלילה געברויכט צו ווארטן, אז אונזערע פריינט זאלן אונז קומען העלפן. זייערע רעטונג־שיפלעך האבן זיך געדרייט ביי די ישראל ברעגעס, אז עס וועט שוין האלטן אזוי ווייט, אז די אראבער וועלן די שארית־הפליטה אריינווארפן אין ים אריין, וועלן זיי קומען און ארויסראטעווען — ווי האט אמאל א גרויסער מלחמה פירער אויסגערופן: „גאט, שיץ מיך פאר מיינע פריינט פאר מיינע שונאים וועל איך מיך אליין שיצן“.

און דאס גרעסטע נס פון דעם „בחפזון“ איז מסתם געווען, וואס די גוטע דייטשע יוגנד, וואס האט זיך „געריסן“ אונז צו העלפן איז געבליבן „אייגע־זויערט“.

איך קען די דייטשע יוגנד, זי קומט נישט מיט הכנעה, בעטן מחילה פאר די זינד וואס זייער טאטעס זיינען באגאנגען. די קינדער פונם „הערן־פאלק“,



וויל נישט בעטן אין פארגעבונג ביי אונז. זיי זיינען צו שטאלץ בעטן ביי יידן מחילה, זיך צו שעמען פאר זייערע מעשים. פאר זייער שאנד געפיל פאר דער וועלט, פאר זייער שפלות־געפיל זוכן זיי פרווידיאנישע קאנפענסאציע פונקט ווי די „גוטע דייטשע“, זייערע טאטעס, די אמתע הערן־מערדער, האבן עס געטון מיט די „שילומים־געלדער“ — צוגעפינען צוריק „זייער עהרע“...

ווי זאגט שוין דר. נחום גאלדמאן: „די דייטשן האבן פאר ישראל מער געטון ווי מיר יידן“! ווי וואלטן מיר ערשט אויסגעזען, ווען די דייטשע גוטע יוגנד העלפן אונז איינצונעמען אלט־ירושלים.

און וואס שייך סאוויעט־רוסלאנד? ער פארשפעטיקט אייביק דער בער, אבער לסוף קומט ער אן מיט זיין שווערן גאנג אין דער ריכטיקער צייט... ווען די נשמה שטייט אויף דער שפיץ נאז! עס איז שוין די טבע פון עשון אזא, צו שפילן זיך מיט יעקבן... און פסקנט נישט די גמרא שוין אפ: בידיעה, הלכה שעשיו שנא ליעקב.

אבער נאך אלע „פאקטן“ איז עס אבער דאך א פאקט, אז די רויטע ארמיי, איז עס געווען, וואס האט דאס נאצי־דייטשלאנד צעטרעטן, און נאך ביזן היינטיקן טאג איז עס סאוויעט־רוסלאנד, דער נקמה־נעמער פאר די 6,000,000 קדושים; וואס האלט דאס „גוטע דייטשלאנד“ אין זיינע בערן־לאפעס.

און נאך אלע פאליטישע דריידערלעך איז לסוף דאך ווידער געווען סאוויעט־רוסלאנד, וואס האט ישראל דער ערשטער אנערקענט ווי א מלוכה — יא, צוזאם מיט אמעריקע! און יעצט, נאך אלע אירע פאליטישע מאניעווערס, — זי טוט עס נישט מיט דיפלאמאטיש זיידענע הענטשקעס ווי די דע גאל (וואס קלעטערט ערשט אויפן לייטער צו ווערן איינער פון די גרויסע(!) זי טוט עס מיט בערן־גראטשעס — האט זי דאך אפציעל געזאגט: „ישראל איז באשאפן געווארן צו בלייבן און זי האט עקסיסטענץ־בארעכטיגונג“ — יא, ס׳איז פאליטיק! און ביי די אנדערע „גרויס־מאכטן“? די גרויסע ביזנעס וואס די אלע גרויס־מאכטן, ווילן דאס מאכן אויף די קאסטן פון דעם קליינעם לענדל ישראל, אבער און ס׳וועט זיי גאר נישט העלפן די אלע „גרויס־מאכטן“, ווי צו העלפן געווינען דעם שלום נישט נאר פאר ישראל, נאר פאר דער גאנצער מענטשהייט. האט ישראל נישט געווינען דעם קריג לויטן פרינציפ פון „אין ברירה“? און די וועלט האט אויך שוין נישט קיין אנדערע ברירה, ווי צוגעווינען דעם שלום, אז נישט איז זי פארלוירן, וועט זי אינגאנצן פארלוירן גיין אינטער ווילדן שווינדל־ראד פון פאליטיק.

און דאס וואס מאסקווע צערייסט זיך אזוי דעם יאשטשיק פאר די אראבישע מלוכות מער ווי די אנדערע „גרויס־מאכטן“ איז מסתם ווייל א חוץ מאכט פאליטיק און „ביזנעס“ איז נאך דא א צווייטע מטבע, אן אידעאלאגיש: די קאמוניסטישע דיקטאטור איז געגן ירושלים פונקט אזוי ווי די געטער־דעגנערירטע רוים איז עס געווען: עס קאן נאך קוים ווערן גאטס צוגעזאגטע רייד דורך זיינע נביאים, חלילה... דאס קאן קיין אטאאיסטישע מאכט

נישט דערלאזן, אפנים... וועט זי אבער אזוי ענג פארציען איר פאליטשן גארטל, וועט זי מער נישט דערגרייכן מיט איר קאלאניאליזם־און פעלקער־באפרייאונג, ווי א רוים־דיקטאטור — אויף דער לינקער זייט! דאס נאר בדרך אגב.

## און צום סוף

אין יאר 1943, — ווען דער קאמיטעט צו העלפן רוסלאנד האבן געוואלט א צוזאג פון די סאווייעט שליחים מיכאלס און פעפער, אז נאך מלחמה וועט אויפגעשטעלט ווערן א יידישע מדינה, פונקט ווי אין זייערע הענט וואלט געלעגן די סאוויעטישע פאליטיק, — אויג אויף אויג קוקט מיך פעפער אן מיט זיינע קלוגע אויגן: „וואס קוקסט דו מיט דיין „נו"? ביי מיר איז יידיש מיין לעבן".

„כ'מיין נישט נאר יידיש, כ'מיין אויך די יידן?"

„די יידן ווייסן דען וואס זיי ווילן... נאך דער מלחמה, וואס דאס יידישע פאלק וועט באשליסן וועט די רעוואלוציע מסכים זיין און העלפן... די רע־וואלוציע איז דא העלפן די מענטשן..."

פעפער איז פארשניטן געווארן פון דער רעוואלוציע און... יידיש דא אין א ווייטשעפל געסל?... אבער נישט נאר ראטשילד'ס לעצטער ווילן איז ארץ־ישראל, נאר דעם עמך ייד'ס, דער אלטן פרעסער אויף מיין הויף, און דער רוב פון די 6,000,000 אין אמעריקע, און מסתם דער רוב פון די דריי מיליאן אין סאוויעט־רוסלאנד.... און יידיש?

אן יידיש וואלט מיר געווען א „סורוויוול" אויף אלע יארמערק און יערידן! מיט יידיש זיינען מיר געווארן א קולטור־פאלק, אן ארבעט־פעאיק פאלק, אז יעדעס קולטור־און ארבעט־פעאיק פאלק מוז אונז אנערקענען (די אראבישע פעלקער פעלט נאך אפנים בידע...) — מיט יידיש זיינען מיר א קולטור־פאלק צווישן פעלקער. אן יידיש, חלילה, וועט נישט נאר, חלילה אנטערגיין דער סאוויעטישער יידישער ישוב, נאר מיט א צוויי דורות שפעטער, אויך דער אמעריקאנישער, מיט אלע סינאגאגעס און צענטערס און מדינת ישראל וועט דעגנערירן אין איניגע גענעראציעס צו איינען פון די אראבישע שבטים... אין בעסטן פאל, א פליי־טים־קאלאניע מיט העברעאישע פקודים — דער ענד־ציל פון דער יידישער אסימילאציע!

זעט ווי גרויס די שעפערישקייט פון יידיש איז? דער אסימילירסטער ייד איצט, אויב ער קאן נאך א שמייכל טון ביי א יידישן וויץ, איז עס ווי זיינע ליפן וואלטן נאך געקענט שעפטשן „שמע ישראל" — יעדער ייד ווייסט עס שוין איצט א חוץ, נאטירלעך, יענע שמשון־הגבור־העלדן וואס ביי זיי איז: תמות נפשי עם יידיש... צום גרויסן גליק זעט דאס די מלוכה שוין טיילווייז איין און אין די תפוצות הייבט מען אויך שוין אן צו פארשטיין, אז יידיש איז נישט נאר א מיטל, נאר ס'איז א טייל פון דער יידישער נשמה, דער שעפערישער אטעם פון א יידישלעך אייגנארטיק לעבן.



## א ראש השנה תחינה תשכ"ח

א ברודער געהרגעט א ברודער,
א גאט וויל ס'בלוט פון די מענטשן־קינדער,
אזוי איז עס דעמלט געוועזן,
און פונקט אזוי איז עס נאך אצינדער.

וועט דער מענטש תמיד שטיין פאר א וואנט,
טאפן אין א וואנט פונקט ווי א בלינדער,
קאפ אין דער וואנט אזוי לאנג שלאגן,
געשען ס'זאל ס'וואנדער איבער די ווינדער:

פול גנאד דער גאט זאל ווערן, זאגן,
ווי א מענטש חטאתי כ'בין א זינדער — — —
און דערווייל וועט, ביז דאס נישט געשען,
זיין זאל איין מענטש דעם צווייטנס א שינדער?

פאר אונזער בליק נאך אין אונזער דור,
דאס געמארד, דאס" געשענד און געפלינדער;
איינס דאס אנדערע אויסצומארדן,
ס'איז אלץ וואס ס'דערפינדן די דערפינדער.

עד מתי, טאטע־גאט, ברודער מענטש,
ביז זיך אנצינדן די אלע צינדער,
פון די אטאם און וואסער־באמבעס,
און א סוף פון אלע מענטשן־קינדער?

## „בני אדם יושבי חושך וצלמות"

אז וואס איז דען דער גאנצער בן־אדם,
מיט זיינע אויפטועך, בענקן און ווילן,
אזא ווירוס־זוגים געווידמע —
פאר נייע וועלטן־באשאף די באצילן.

אויפרייסן עס וועט דער ערד־סאטעליט,
אין וואונדערלעכע פלעיאדעס פון שטערן — —
מ'קאן ציילן די אטאמען פון ערד קויל?
אזוי די מילך־וועגן וואס וועלן ווערן:

וויפיל לבנות, און וויפיל זינען,
די שקיעות מיליאנען און פארטאגן — —
ס'איז דער גאנצער וועלטן־געדריי מסתם,
אזא מין האן די כפרה צו שלאגן.

## ימים - נוראים - ניגון

... פלוצלינג ארויסגעריסן פון אלצדינג,
אין מיר וואיענדיק ס׳וואלט ווער געוויינט:
ביי א סטראגאן, סחורות אויסרופנדיק,
א ייד ווי פון א תורה ארויסליינט,
און פארן איראקישן רעסטראנדל
כ׳בליי שטיין, אזוי איינזאם און איין־אליינט —

צו א מעלאדיע איך הער מיך שטיל צו,
ווי סציקלט קרעכצנדיק, זינגנדיק ס׳וויינט,
כ׳דערמאן מיך אינם גמרא־ניגון,
אין ווייסן ציגעלע, און ווי פערשטיינט
מיין הארץ, פעלזיק ס׳צעפאלט א טרערן־קוואל,
און מיט דעם ליד טריפנדיק מיט עס וויינט.

„וידע כל פעול כי אתה פועלתו״!
וועלן דאך אלע פעלקער זיין פעראיינט,
שטאט האלבע לבנות, פגמותדיקע
איין גאנצע, א גרויסע זון וואס שיינט — —
מיר דאכט: אין מדבר כ׳בין, א מולד־נאכט,
מיין הארץ דער שאקאל — וואיענדיק וויינט.

## תשליך

„ותשליך במצולות ים כל חטאתם״

דער ים הגדול צומאל איבערגיין,
אונזער זינד אין אים מ׳וועט ארייננווארפן;
אזויפיל בלוט פארגאסן און ס׳גיסט זיך,
און די מעסערס מען האלט אין איין שארפן.

מען האלט אין איין פזאלמען, גאט צו דאנקן,
מיט שפילנדיקע פידלען און הארפן;
די „גאטעס־דינסטן״, די כל־ערליי און —
די מעסערס הערן נישט אויף צו שארפן.

וואסערדיק זיך תמיד ריינצוואשן,
די זינד דעם אנדערן צוצווארפן;
אין טריפנדיקער סלינע פון שנאה,
מען האלט אלץ די צינגער אין איין שארפן.

דער ים איבערגיין — א מבול ווערן!
אויפהערן צו זינדיקן מיר דארפן,
נישט תשליך זאגן מיט די ליפן און —
אונטער זיי די ציין באהאלטן שארפן.



אז אלע תורות, אלע טעאריעס,
איינער דעם צווייטן איבערחרפן;
ווי חניפיש, ווי גנביש שפיציק,
שפיזן־געשפיצט די אויגן זיך שארפן —

מיט וואסער ירגזון און גרימצארן,
גאנצע וועלט חזריש צו פארטרפן!
ווי חניפיש, ווי גנביש שפיציק,
שפיזן־געשפיצט די אויגן זיך שארפן —

מיט וואסער ירגזון און גרימצארן,
מיט וואסער האס די שווארץ־אפלען שרפן!
א ים דאס פארגאסענע בלוט שוין און —
די מעסער מען האלט נאך אין איין שארפן.

## ורוממתנו מכל הלשונות

צי קאן מען דען מיט איין לשון אויסזינגען,
די אלע יסורים וואס אויסגעשטאנען?
אויסדערציילן פון די אלע גלותן,
איבער דער גארער ערד אדורכגעגאנגען.

און זיינען דען צוויי לשונות גענוג שוין,
פאר א פאלק איבער גאנצער וועלט געטריבן?
נו, זיינען טאקע אונזערע יסורים,
אין אלע שבעים־לשון אויפגעשריבן.

ווען מיר וועלן ווידער, אם־ירצה־השם,
אין ישראל אלע צוזאם רואיק זיצן — —
די גרויסע פרייד אויפצושרייבן, באזינגען,
ווער ווייסט וויפיל שפראכן ערשט מוזן ניצן.

מיטן „ורוממתנו מכל הלשונות,
זאל מיר מיין יידיש דערליבט זיין צו לויבן,
ווייל אין איר אין מיינע טיפסטע יסורים,
צו דער העכסטער פרייד איך קאן מיך דערהויבן.

## יום - כיפור אין קאצק

די דבקות־שרעק יום־כיפור אין קאצק,
ווען ס׳איז געווארן שטיל אונטער דער וואנט,
פיר און צוואנציק שעה — א גאנץ יאר,
אנאויפהער א לייב אונטער גראטעס שפאנט.

מ׳הערט זיך צו, מיט מוחות געשפּיצטע,
ביים שולחן שטייט א שטשור פאַרשוויגן שטיל;
די ליכט זיך אויסגעלאָשן פון שרעק,
שוין בשעת דעם אויסטערלישן געבריל:

„מיט קרעפּלעך, א מוציא מיט האָניק,
גוט אָנגעפּרעסן און צום פאַסטן גרייט;
א גאַנץ יאָר זיך זאַט אָפּגעזינדיקט,
איצט אין די בייכער מ׳גייט קלאַפּן על־חטא.

„ווי זיי עסן זיך דאָס איין אין מיר,
כ׳וועל זיי טרייבן ווי די לייז פון מיין לייב!
ווען א מייזל בלייבט שטיין אויף מיין טיש,
קוקט מיך אָן אן אייגל און — אין גאָט כ׳גלייב״.

דער שטשור ביים שולחן פאַרשווינד געשווינד,
לעצט ליכט ווי פון א ווינט לעשט זיך אויך אויס;
די שרעק א שוואַרצער טלית הילט איין,
פון עק ביז עק ס׳בית־מדרש, ס׳פּאַרדער־הויז:

„כ׳קאָן איר נישט קוקן אין די אויגן —
אַזאַ פּנים האָט זי די שיינע וועלט!
„ובכן תן פחדך״, אפילו —
דער פּ־ח־ד־ך באַטרעפט אויכעט נאָר ג־ע־ל־ט —

„דאָ זיצן אייגעקאַפּעט אין דר׳ערד,
פון אונטערגעהאַקטן בוים ס׳בלייבט א פּניאַק,
שימל־פאַרזשאַווערט, מאָך־באַוואַקסן — —
ווי ס׳ווינקט צו מיר פון באַלקן דער האָק!!

„א קונץ אויפגעהאַנגען אויף א שטריק שוין?
אַזוי איך שטרעק אַרויס צו זיי מיין צונג!
שנאה־פאַרשכורט כ׳בין, יום כ׳פּורים —
און וואָס נאָר אויף דער ווערעמדיקער צונג״ —

און אַזוי ציין־פאַרביסענער ליפּ,
אויף זיין שוין יאָרן נישט פאַרבעטן בעט,
ער בלייבט א פאַרשוויגענער,
מיט שטן איצט ער גייט אין א געוועט:

און זאָל ער פּריוון עפענען ס׳פּיסק,
דער מלאך — בין איך נאָך א ייד, א מענטש,
און ווי גאַנץ קאַצק פול איז מיט בלאָטעס
די גאַנצע וועלט פול זיין מיט מיין געבענטש — — —



יענעם מוצאי יום־כיפּור ביינאַכט,
דער קאַצקער זיך באַוויזן אויף דער שוועל;
ווי לבנה פון אונטער א וואָלקן
אַרויס קומט — ס׳פּנים געשיינט שטראַליק העל.

„שלום״, „עליכם שלום״, „שלום״,
גאַנצער עולם אים אַקעגנגעטאַנצט,
ביז כעלות — מלאכי־מעלה,
כ׳איש־אחד, אַזוי פאַרדוּוקעט גאַנץ.

## א. מ. קייזער

### מ׳קלייבט חזנים

ס׳איז לעבעדיק אין שטעטל; מ׳קלייבט חזנים אין ווייטשעפּל.

האָט איר אַמאָל געזען ווי א אידענע קלייבט א הון אויף שבת? צוערשט גיט זי א טאַפּ ביים ביילעק צי ס׳איז דאָ גענוג פלייש. דערנאָך צובלאָזט זי די פעדערלעך, א קוק צו געבן, צי די הון איז א פעטע און צי זי וועט קענען פון זיך געבן גענוג פלוסטער אויסצולאָזן שמאַלץ אויף פּסח.

בערך אַזוי קלייבט מען אין ווייטשעפּל א חזן; דער עולם וויל אַז ער זאָל זיין אי פליישיק אי שמאַלציק.

קומען זיי, די חזנים, מארבע־פּנות־עולם און לאָזן זיך בדק׳ענען. אַז איר גייט דורך א שול הערט איר, אַז דאָרט אינעווייניק גאָרגלט זיך אימיצער, ציקעלט זיך, טרילט, מאַכט קונצן, פאַרגייט אין די עולמות־העליונים; בעת אין דרויסן, פאַר דער שול, זעט איר, שטייט א לאַנגע שורה פון מענטשן — דער עולם, וואָס שטופּט זיך הערן דעם נייעם חזן, וועלכער מאַכט איצט פּראָבע.

מיינט איר דאָך אַז דאָס איז טאַקע דער „עולם״? — האָט איר, במחילה א טעות! דאָס זענען די אָנגעפּאַרענע חזנים וואָס וואַרטן אויף זייער „נעקסט״.

פונקט ווי ביים „לייבאָר־עקסטשיינדזש״.

פרעג איך:

— צו־וואָס שטייען זיי, די חזנים, פונדרויסן? פאַרוואָס לאָזט מען זיי נישט אַריין אינעווייניק?

— מיר וואָלטן זיי גערן אַריינגעלאָזט — ענטפערט מיר דער שמש פון שול — נאָר דער חזן וואָס „זאָגט״ איצינד לאָזט נישט. איר ווייסט פאַרוואָס — גיט מיר דער שמש צו דערקלערן — ווייל יעדער חזן האָט זיך זיין „שטיקל״, האָט ער מורא, אַז אַן אַנדערער חזן זאָל אים דאָס „שטיקל״ נישט אָוועק׳לקח׳נען. און א חזן אָן א „שטיקל״ איז, ווייסט איר דאָך, כצאן בלי רועה, ווי א קאַץ אָן וואָנצעס!

— ביי אונז אין שול — דערציילט מיר ווייטער דער שמש — האבן זיך שוין געיאוועט כל־ערליי שלעק און מיר קענען זיך קיין חזן נישט צו־קלייבן. היינט דאס ביסל מלאכות, די פארשידענע „טריידס", וואס האבן זיך שוין ביי אונזער באלעמער דורכגעווארפן; מיר האבן שוין געהאט א חזן א דאקטאר, א חזן א פראפעסאר, א חזן אן אפטייקער, א חזן אן אינזשיניער און אפילו א חזן א קאמיקער. איי איז דאס געווען א לץ! פונ'ם קאמיקער האט דער עולם געהאט גרויס הנאה. ער האט געמאכט אזעלכע לצ'נישע שטיק ביים דאוונען, אזעלכע מאדנע סיגעס און העויות, אז ביים „ראש־חודש־בענטשן" האט מען זיך געקאטשעט פאר געלעכטער און ביים „ומפני־חטאינו" זענען אלע געלעגן אויף די בייכער. אזא כח האט ער געהאט!

— איז פארוואס־זשע האט מען אים נישט אויסגעקליבן?

— ווייל א סך פון די מעמבערס האבן דוקא געוואלט דעם חזן דעם דאקטאר. פשוט, ווייל א דאקטאר אין א שול, האבן זיי גע'טענה'ט, קומט צו־נוץ. ס'מאכט זיך אז א איד חלש'ט אוועק יום־כפור אין שול, אדער א אידענע אין דער „עזרת־נשים" איז זיך מיישב און פונקט צו תקיעות גייט זי צו־קינד. אדער שמחת־תורה ביי די הקפות צובייליען זיך ביי אונז עטלעכע מעמבערס צוליב „אתה־הראית", ווי ס'טרעפט זיך ביי אונז אלע יאר, און מ'דארף זיי באנדאזשירן. אט צוליב דעם גופא איז גוט אז ס'איז דא א דאקטאר אויפ'ן ארט.

— איז פארוואס־זשע טאקע האט מען דעם דאקטאר נישט צוגענומען?

— פשוט, ווייל מיר האבן אויסגעפונען אז ער איז גאר קיין דאקטאר נישט. הערט א מעשה: ס'האט געטראפן אז ביי דער פראבע איז פון גרויס שטופעניש א אידענע נישט גוט געווארן. איז, פארשטייט זיך, געווארן א געשריי: „א דאקטאר! א דאקטאר!" לויפט מען צו צו אים, צו אונזער חזן, און מ'זאגט אים: איר זענט דאך עפעס א דאקטאר! טוט עפעס! די מעמבערקע פארגייט! ענטפערט ער, אז א דאקטאר איז ער טאקע, נאר נישט קיין רופא! היינט, וואס זאגט איר צו אזא דאקטאר? הא?

ווייטער האבן מיר דא געהאט א חזן פון אונגארן וואס האט זיך בארימט אז ער איז א גרויסער „בעל־עברי" און פארשטייט „פירוש־המלות". ער האט טאקע געהאט א פיינע שטימע אויך און נישט קיין שלעכטער „זאגער". נאר צוליב א ווארט, ווי איר קוקט מיך אן, צוליב איין ווארט איז ער ביי אונז דורכגעפאלן.

די מעשה איז אזוי געווען: דער גבאי־שני פון אונזער שול איז פלוצ־לינג געשטארבן. האט מען אים, דעם אונגארישן חזן, וועמען מ'האט פונקט יענעם שבת פרובירט, געבעטן אז ער זאל מאכן א „מלא". נעמט אונזער חזן דאס סידור'ל אין האנט און הויבט אן זאגן אן „אל מלא רחמים", אז קיין בעסערן דארפט איר זיך נישט ווינטשן. קברים האט ער געריסן. א שאד וואס דער נפטר האט דעם „מלא" נישט געהערט. ער איז תמיד געווען א בעלן אויף א גוטן „מלא". ער וואלט ממש אויפגעלעבט.



און אז אונזער חזן איז צוגעקומען צום „שהלך לעולמו" האט ער גענומען באוויזן וואונדידרים; „שהלך" אויף די אונטערשטע טענער און „שהלך" אויף די מיטעלע טענער. א דריי אהין און א דריי אהער, א קוק אין סידור'ל אריין און א פיר אויס אויף דער גאר העכסטער אקטאווע, מיט א קנאק:

— שהלך לנקבה!

האט דער „שהלך" אנגעמאכט אזא גערודער אין שול אז די הענגלייכטער האבן זיך גענומען שאקלען. די קרובים פונ'ם נפטר האבן דעם חזן געוואלט דורס זיין, ממש צורייסן ווי א הערינג. ס'טייטש, אזא בזיון, אזא חילול־המת און אזא בלבול (און אפשר איז עס נישט קיין בלבול. היינטיקע צייטן — ווער ווייסט?). הכלל, ס'איז געווען פריילעך.

איז צו אים צוגעגאנגען אונזער פרעזידענט און האט אים, דעם חזן, א פרעג געטון מיט כעס:

— סעי, חזן, פון וואנען האסטו דארט גענומען א „שהלך לנקבה"?

ווייזט דער חזן אן אויפ'ן סידור'ל און ענטפערט זיך גאנץ קאלט־בלוטיק אויף זיין לשון:

— זא שטייט עס אין דאז געבעט־בוך!

כאפן מיר פון זיין האנט ארויס דאס סידור'ל, דאס „געבעט־בוך" ווי ער רופט עס, און ערשט ווערט אונז אלץ קלאר: נאכ'ן ווארט „שהלך" שטייט אין רינגעלעך: לנקבה — שהלכה; ס'הייסט, אז פאר א פרוי זאגט מען נישט „שהלך" נאר „שהלכה", און היות ווי אונזער חזן האט געוואלט ווייזן וואס פאר א גרויסער קענער ער איז אין פירוש־המלות, האט ער דאס ווארט לנקבה צוגעשלעפט צום שהלך און אזוי ארומעט איז געשען דאס גרויסע אומגליק...

אט אזוי ווי איר הערט — פארענדיקט דער שמש זיין שמועס — איז ביי אונז אין שול כסדר לעבעדיק און פריילעך, נאר קיין חזן האבן מיר זיך נאך אלץ נישט צוגעקליבן.

יא, כ'האב איך פארגעסן צו דערציילן. ס'קומען איצט צו אונז צוויי נייע חזנים; איינער פון רוסלאנד, טאקע פון סאוויעטסקי־ראסיי. מ'זאגט אז ער איז א „בעזבאזשניק". וואס דאס איז אזוינס ווייס איך נישט, נאר איך בין זיך משער, אז ס'איז א „כלי". און א צווייטער חזן קומט אזש פון כינא. ער איז דארט א גענעראל! ער הייסט: „אי־טשע־מאי־ער". א מאדנער נאמען. איר האט געהערט פון אים? מ'זאגט אז ער שיסט אריין א מעריב איז שוין איינמאל אריינגעשאסן!

---

אין טיפן טרויער און ווייטאק מעלדן מיר וועגן דעם טויט פון מיין ליבער און אומפארגעסלעכער פרוי, מיין טרייע גוטע מאמע און שוויגער־מוטער **חנה קויפמאן**, וואס איז נאך לאנגע און שווערע ליידן געשטארבן מאנטאג, דעם 24סטן יולי. די לוויה איז פארגעקומען דאנערשטאג, דעם 27סטן יולי.

די אין טרויער פארבליבענע מאן, זון און שנור

---

## עלא זילבערג

### אין וואלד אליין

אין וואלד אליין כ׳וואלט וועלן לעבן,
אין וואלד אליין אין זומערצייט,
מיט די פויגלען זינגען, שוועבן,
פליגלען פריילעכדיג צעשפרייט,

מיט די בינען זיך דערנערן,
זאפן האניג־זאפט פון בלום,
קיינער זאל מיין פרייד צושטערן,
אין דער שטילקייט דא ארום.

פרישע גראזן צום געלעגער,
איינגעהילט אין זונענשיין,
ניט קיין מענשליכע נשמה,
וואלד און הימל, וויגט מיך איין.

וואלט איך דא די וועלט פארגעסן,
קיין רכילות קיין געשפאט,
אין וואלד אליין כ׳וואלט וועלן לעבן,
און זיך דערנענטערן צו גאט.

## שמואל ווהייט

### אב - הרחמים (א תפילה)

מיט הכנעה שטיי איך געבויגן,
מיט א צעבראכן הארץ
אין טרערען אין די אויגן;
אלמעכטיגער דערהער מיין תפילה
אין צייט פון נעילה,
פארשעם ניט דיין פאלק ישראל,
ווען שונאים לויערן אונז צו פארניכטן:
שטארק אין אונדז דעם בטחון —
די הבטחה אויף וועלכע מיר האפן.
צעמיש אין פארלענד זיי
דערהער מיין פיינלעך געשריי
ווען די רחמים טויערן זענען נאך אפען —
— — — — — — — — — — — — — — — —
אב־הרחמים זע אינדזער נויט,
איידער די זון פארגייט,
אין דער שפעט־שפעטער שעה,
פון נעילה צייט...



## דערעק ריד

### פרייטיק בין - השמשות

א געזאנג אין בורשטינענעם ליכט,
דער ווייסער וואקס און שמעלצנדיקער פלאם
טאנצן ארום דעם זילבעריקען מעש,
בשעתן שעפטשן פון אלטע תפילות,
און דאס געלעכטער פון קינדהייט,
עכאט מיט אלט ערנסטקייט.

איבערזעצט פון ענגליש
יוליאן גאלד

## הערץ בערגער

### ניו - יארק — א יידישע שטעטלע

(פון דער סעריע „א גאסט אויף א ווייל אין ניו־יארק״)

דאכט זיך אז מ׳זאגט: א גאסט אויף א ווייל, זעהט אויף א מייל... איז פאר וואס־זשע זעסטו ניט, אז ניו יארק איז א ידישע שטאט? א שטאט מיט טייערע און וואוילע יידען?...

אזוי האט אריינגערעדט אין מיר דער לאנדסמאן פון מיין געבורטס־שטעטל באלד דעם אנדערען טאג ווי כ׳בין אנגעקומען קיין ניו יארק.

איך בין ערשט געהאט אויפגעשטאנען און כ׳בין נאך געווען האלב־פארשלאפען. כ׳האב א גאנצע נאכט ניט צוגעטאן קיין אויג און ערשט אין דער פרי קוים געכאפט א דרימעל. איך האב אפילו ניט געוואוסט ווי אזוי מיין לאנדסמאן איז אריינגעקומען צו מיר אין צימער פון דעם קליינעם האטעל, וואו כ׳בין איינגעשטאנען.

— ווי לאנג האבען מיר זיך ניט געזעהן? — האט דער לאנדסמאן געהאלטען אין איין רעדן — דאכט זיך, אז א קימא־לן פון דרייסיג יאר. ווען ביסטו אוועק פון שטעטעל? אין יארע אכט און דרייסיג — האט ער זיך אליין געענטפערט אין זיין גאליציאנישען אידיש — וואו ביסטו געווען אין קריג? גוט אז דו ביסט ניט געווען אין שטעטעל. די ווייסט דען וואס די יידען זיינען דארט אויסגעשטאנען?!

איך האב אים ניט געענטפערט, ווייל כ׳בין נאך געווען אזוי פארשלאפען, אז כ׳האב קוים געקאנט צונויפבינדען מיינע געדאנקען. אין קאפ האט זיך נאך ביי מיר געוויגט דאס רוישען פון די אויטאס, דאס הויכע גערעדעריי פון די מענשען, וואס איז אריינגעקומען במשך פון דער נאכט דורכ׳ן אפענעם פענסטער פון מיין האטעל־צימער. טאמער האב איך געפרואווט פארמאכען דאס פענסטער, איז אין דעם קליינעם שטיבעל געווארען אזוי דושנע און הייס, אז כ׳האב קוים געקאנט כאפען דעם אטעם. האב איך בלית־ברירה צוריק

אויפגעמאכט דאס פענסטער, האט דער צעכוואליעטער גערויש פון דער נאענטער קאלאמבוס עוועניו אריינגעדרונגען אין מיינע אויערן. דאס בלענדענדיגע ליכט פון די רעקלאמעס, וואס האט געציטערט אויף די ווענט, האט מיר געשטאכען אין די אויגען. חוץ דעם האט דער עלעוועיטאר ניט גערוט און יעדע פאר מינוט ארויפגעברענגט אנדערע מענשען, וואס האבען ניט גערעדט צו הויך, אבער מיר האט זיך געדאכט, אז זיי שרייען.

— נו, לאמיר בעסער רעדען וועגען פרייליכערע זאכען — האט זיך צו מיר ווייטער דערטראגען דאס קול פון מיין לאנדסמאן — וואס דארף עך דיר דערציילען פון דעם שטעטעל ס׳זאל דיך מאכען טרויעריג? זעה בעסער ניו יארק, וואס איז פונקט אזוי יידיש, ווי אונזער שטעטעל איז געווען! דא וועסטו טרעפען יידען מיט לאנגע בערד און פיאות און מיט גאליציאנער קאפעליושען, וואס דו האסט שוין ניט געזעהן יארען־לאנג. ביי אייך... ווי הייסט דארט די מדינה וואו דו וואוינסט?... יא, אויסטראליע... דאס האסטו ביי אייך זיכער ניט געזעהן... די יידען אין ניו יארק זיינען גוטע יידען... שטאלצע יידען! און דער פרעזידענט אונזערער, מר. דזשאנסאן, איז אלע מאל מיט אונז... האסט׳ך זיכער געהערט ווי ער האט זיך איינגעשטעלט פאר אונז אין דעם לעצטען קריג צווישן די אראבער און ישראל.

איך האב פון מידקייט און פון דער היץ, וואס האט זיך געשטעלט באלד אין דער פרי, צוגעמאכט אביסעל די אויגען. פון דער גאס האבען צוריק אנגעהויבען אריינצוקומען די קולות, ווארים ניו יארק האט זיך געוועקט פון שלאף. עס האט זיך געהערט דאס פארען פון לאסט־אויטאמאבילען, דאס געקלאפעריי פון בלעכען, דאס געגייעריי פון מענשען, וואס האבען זיך געאיילט צו דער ארבעט.

— נו, ענדיג שוין דאס אנטאן דיינס — האט מיך מיין לאנדסמאן אונטערגעיאגט — ביסט א מבין עפעס ווי אונזערע ישראלים האבן דורכגעפירט א בליץ־קריג?! אזעלכעס איז גארניט דא אין דער געשיכטע... א היפש ביסעל האבען די אמעריקאנער יידען צוגעהאלפען, ווייל זיי האבן זיך אזוי ברייט באשטייערט פאר׳ן „עמוירדזשענסי אפיל“! נו, קום, לאמיר געהן, וועל׳ך דיר ווייזען די יידען אין ניו יארק...

אז מיר זיינען ארויס אויף דער גאס און אריין אין א קאפע־הויז אויף בראדוועי, האט מיין לאנדסמאן מיך ניט געלאזט פאר גארניט באצאלען.

— דו ביסט מיין גאסט — האט ער זיך מיט שטאלץ אנגערופען — און דא צאל עך. אז כ׳וועל קומען צו דיר קיין אויסטראליע, וועסטו צאלען. צו וועמען מיינסטו געהערט דאס קאפע־הויז? צו א היינמישען גאליציאנער ייד! דאכט זיך פון ריישע. און ווער זיינען די מענשען וואס זיצען ביי די טישלעך? אויך יידען! אפילו די קעלנערס זיינען אחינו בני ישראל... כ׳האב דיר געזאגט, אז ניו יארק איז א יידישע שטאט! קום, וועלען מיר זיך אראפלאזען אין סאבוועי און כ׳וועל דיך נעמען אויף איסט בראדוועי, וואו די אידישע רעדאקציעס זיינען דא און וואו די גאס איז פול מיט יידען, פונקט ווי ביי אונז



אין שטעטעל...

ווען מיר האבען זיך אראפגעלאזט אין דער סאבוועי־סטאציע, האט מיך ארומגענומען א פינסטערניש, ווי אין א הייל. דער לאנדסמאן האט געקויפט צוויי „טאקענס“, געהייסען מיך א שטופ טאן מיט׳ן בויך דאס דריי־טירעל און מיר זיינען אריין אינעווייניג. כ׳האב זיך ארומגעקוקט איבער די פארקאפטשעטשווארצע ווענט פון דער סטאציע, וואו עס האט דא און דארט געגלימערט א קליין לעמפל און ס׳האט מיך ארומגעכאפט אן אנטוישונג. אט דאס איז די בארימטע ניו יארקער סאבוועי? וואו זיינען די יידען, וועגן וועלכע מיין יוגענט־פריינט. רעדט כסדר? איך הער א קנאקעריי איבער מיין קאפ, ווי ס׳וואלט דא ערגיץ געדונערט. כ׳זעה שטעהן א פאר נעגערס — אבער וואו זיינען די יידען?

מיטאמאל האב איך דערהערט ווי ס׳קומט אן צופארען מיט אן אייזערנעם געבראזג א באן. אין דער פינסטערניש האבען א בלענד געטאן צוויי פייערדיגע אויגען און דער צוג האט זיך אפגעשטעלט הארט פאר אונז. די אויטאמאטישע טירען האבען זיך צעעפענט און מיין יוגענט־חבר האט מיך אריינגעשטופט אינעווייניג. כ׳האב געהאט טאקע צו פארדאנקען מיין לאנדסמאן, וואס כ׳בין שנעל איבערגעטרעטען די שוועל, ווען ניט וואלטען מיך די טירען, וואס האבן זיך צוריק שנעל פארמאכט, אריינגעכאפט אין זייערע אייזערנע ארעמס.

ווען כ׳בין שוין געווען אינעווייניג, האב איך פרייער אפגעאטעמט. פלוצים האט די באן זיך גערירט פון ארט און ס׳האט מיט מיר א שליידער געטאן. ווען כ׳וואלט זיך ניט אנגעכאפט מיט איין האנט אין מיין יוגענט־חבר און מיט דער צווייטער אין אן אייזערנעם שטאנג וואלט איך צעבראכען רוק און לענד.

אבער ס׳איז ווערט געווען די קליינע איבערלעבעניש צוליב דעם בילד, וואס האט זיך באלד פאר מיר אנטפלעקט. ווען איך האב אויפגעהויבען די אויגען, האב איך דערזעהן, אז איך געפין זיך אין א וואגאן פול מיט יידען — יידען מיט בערד און סאמעטענע קאפעליושען און יונגע בחורים מיט לאנגע פאות. א ישיבה איז דא געפארען... איין ייד מיט א לאנגער ווייסער בארד און מיט א יארמעלקע אויפ׳ן קאפ — א ייד א הדרת־פנים — איז געזעסען אויף א באנק און אריינגעקוקט אין א גמרא. ער האט אפנים איבערגעקוקט דעם „שיעור“ וואס ער וועט דארפען לערנען מיט די ישיבה־בחורים. די בחורים האבן גערעדט הויך צווישען זיך, אויפגעקלערט זיך עפעס מיט די הענט, זיך געשפארט. ס׳איז אויפגעגאנגען צו מיר א קול־התורה, וואס איך האט שוין ניט געהערט לאנגע יארן. יא, ווען האב איך געזעהן אזא בילד? מיט א גאר לאנגער צייט צוריק, נאך אין פוילען, ווען איך האב געטראפען א וואגאן מיט יידען, וואס זיינען געפארען צו א רבי׳ן. אבער דעמאלט האבען די גוי׳אישע שכנים זיי אנגעקוקט מיט שנאה. דא, אין דער סאבוועי, זיינען אויך געווען אביסעל גוים, צווישן זיי א פאר נעגער, און ס׳איז זיי גארניט אנגעגאנגען וואס ארום זיי קומט פאר.

— הא, כ׳האב דיר געזאגט — האט מיך מיין לאנדסמאן א צופרידענער א שלעפ געטאן — זעהסט, אז כ׳בין גערעכט געווען! ניו יארק איז א יידישע שטאט! מיר וועלען באלד ארויס אויף דעלענסי סטריט, אויף איסט בראדוועי, וועסטו זעהן יידישע געשעפטען מיט טליתים און תפילין, מיט מנורות, בשמים־ביקסען און חנוכה־לאמפען...

אז די טירען פון סאבוועי האבן זיך געעפענט און מיר זיינען ארויס, האבען זיך אויך שאט ארויס געטאן די ישיבה־בחורים מיט זייער הדרת־פנימ׳דיגען רבי׳ן און אנגעפילט די סטאציע מיט טומעל. אלע זיינען אוועק אויף איסט בראדוועי, און מיר האבען זיך א לאז געטאן נאך זיי. כ׳האב זיך באלד אנגעטראפען אויף געשעפטען מיט טליתים און תפילין, מיט מנורות און חנוכה־לאמפען, מיט מחזורים און ספרים. די געשעפטען זיינען געווען געדיכט איינס לעבען אנדערן און איבער זיי האבען זיך געהויבן שילדען מיט יידישע אותיות — גרויסע יידישע אותיות, וואס מען האט באמערקט פון דערווייטענס.

אביסעל ווייטער פון די געשעפטען האב איך זיך אנגעטראפען אויף א מארק־פלאץ, וואו עס זיינען געשטאנען יידישע הענדלערס און הענדלערקעס, וואס האבן פארקויפט פיש, פלייש און פרוכטען. כ׳האב טיילמאל געהערט אפילו יידישע קללות, וואס האבן א ווייעגעטאן מיט היימישקייט פון אמאליגען יידישען פוילען.

— דאס צווייטע מאל וועל׳ך דיך נעמען צו די סאטמארער חסידים אין וויליאמסבורג — האט מיין לאנדסמאן צו מיר א זאג געטאן — כ׳וועל דיך פירען צו קבלת־שבת, וועסטו הערען דעם „סאטמארער” מאכן קידוש. כ׳וועל דיך אויך נעמען צו די יידען, וואס זיינען ניט פרום, אבער זיי זיינען וואוילע יידען... ביי אונז זיינען אפילו די דאקטוירים און אדוואקאטען גוטע יידען. וועסט שמועסט נאך די יידישע פראפעסארען אין די קאלעדזשעס!..

בעת מיין יוגענט־חבר האט דאס געזאגט, זיינען מיר פארבייגעגאנגען א שפיל־פלאץ, וואס איז געווען פול מיט קינדערשען טומעל. איך האב דערזעהן אינגלעך מיט לאנגע פיאות, וואס שפילען זיך מיט נעגערשע און פארטאריקאנער קינדער. איין העל־בלאנד אינגעל מיט לאנגע געדרייטע פיאות איז נאכגעלאפען א פוטבאל און איז געווען אזוי פארשפילט, אז ער האט גארניט מעהר געזעהן פאר די אויגען. בעת׳ן לויפען, האבען די פיאות און ציצית געפלאטערט אין ווינט. אבער מיט אמאל האט דאס אינגעל פארלוירען די יארמעלקע פון קאפ. האט ער זיך אין מיטען שפילען אפגעשטעלט און צווישען די קאפענדיגע פיס זיך געלאזט זוכען די יארמעלקע. בעת־מעשה האט ער זיך מיט דער האנט פארדעקט דעם קאפ. ס׳האט מיך דערמאנט אין פרצ׳עס „דריי מתנות”, וואו דער ייד נעמט זוכען צווישען דעם שפאליער פון די סאלדאטען זיין פארלוירענע יארמעלקע.

— נו, וואס האב׳ך דיר געזאגט... ניו יארק איז א יידישע שטאט! — האט מיין לאנדסמאן פארענדיגט מיט דעם פזמון איידער ער האט מיך באגלייט צוריק אין האטעל.



## יוסף לעפטוויטש

### י י ד

וואס איך בין געוועזן, ביזטו.
וואס איך בין, וועסטו ווערן.
ווי שוואך איז די עלעקטרישע לאמפ,
קעגן דעם ווייטן שטערן.

אין מזרח ברענט א פייער.
דער בית מקדש דארטן ברענט.
און דיינע גרויסע ליכט
זענען פונקן פון די ווענט.

האסט מיך פארגוואלטיקט און פארשעמט.
איז מיין בלוט אריין אין דיר.
מיינע קינדער, אויך דיינע,
זענען געראטנע אין מיר.

## האסטו ליב דעם זינגער

איז דאס א ליבעס־ליד?
יא — אויב דו וועסט הערן.
אין דיין אויער קען מיין ווארט
א ניגון ווערן.

אויב דו וועסט הערן
וואס איך זינג,
וועט דיר מיין ליד
זאגן אלצדינג.

אז דו וועסט דיך צוהערן,
וועט מיין ליד זיין דיר ליבער.
ניט מיין ווארט איז שיין,
נאר וואס דו חזרסט איבער.

הער זיך צו וואס איך זינג.
נעם עס אין דיר אריין.
אז דו וועסט עס גלויבן,
וועט עס אמת זיין.

## א. נ. שטענצל

# די גזע ראדאמסק

(צו דער 25׳סטער יארצייט פון לעצטן רבין זצ״ל, געמארדעט פון די נאציס)

(דער אקדמות גטזאנג)

### א.

דער „סבא קדושא״, דער רבי ר׳בער,
אין ווען די עדה האט זיך אנגעהאלטן, —
אין אים? אין זיינס א פאלטן־פאלע כאטש!
דער תפילה־בליק פונם תמימותדיקן אלטן:

„טאם מה אומר, דארט אויבן וואס זאגט מען?״
נאר געברויכט אויפצוהויבן די אויגן צום באלטן, —
איז ער נסתלק געווארן לעילה,
מיט זיין בערן־געברום די הימלען צו שפאלטן.

דעם קאלטן אוירא דחוץ־לארץ,
ס׳האט דער לעלעווער נישט געקענט מער אויסהאלטן.
און לאחר מאה ועשרים שנה,
אין ארץ־ישראל־ערד געוואלט זיך באהאלטן;

רוען פארטיפט אין כוונות הויכע,
נאך פארקנייטשטער מיט טויט־שטייפע שטערן־פאלטן —
ווער האט אים דען געקענט, ר׳ משהלען,
פון זיין הייליק לעצטן רצון צוריק האלטן?

לעצטער פון דער חבריא־קדישא,
דער קאצקער, זיצט פארשטעקט אין א פעלזן־שפאלטן;
איטשע מאיר, דער חכם מחוכם,
אונטער דער סלאוויטער גמרא זיך באהאלטן.

### ב.

דעמלט אויפגעגאנגען ס׳ליכט אין ראדאמסק!
וויפיל נישט געפריווט ער האט עס צו באהאלטן,
מיט נאקעט הוילע הענט צופארדעקן,
ארויסגעשיינט דורך לאדן־און טירן־שפאלטן.

אין חשכות־נעכט מיט הענט אנצוטאפן,
דער הויף ווערט פול מיט שארנדיקע געשטאלטן;
אין די פאסן ליכט מ׳זעט זיי ציטערן,
פון זיינע אויסטערלישע יעלה־געוואלטן:



„געלאזן אונז כצאן בלי רועה, —
זאל דער פאסטוך־שטעקן סטאדע צוזאמהאלטן״!
א גריווע־צעפאטלטער לייבן־קאפ —
בארד און פאות אין פענסטער אין אויפגעפראלטן:

„על תקרא הלכות אלא — להכעיס!
גאט אויב אין גלות דווקא דו ווילסט אונז האלטן,
גאנצע וועלט שוין ווערסט מוזן דערלייזן — —
עס קאן נישט בלייבן אזוי ווייטער ביים אלטן.

„חוצפה כלפי שמיה מהנה!
נישט פאר דיבוקים דעם שטעקן אין האנט האלטן —
ולתקן עולם במלכות שדי,
דא אויף אונזער ערד, אין חוץ־לארץ דעם קאלטן״.

## דער „תפארת שלמה״

ערב שבת־קודש, עולם קומט אן,
אן ערוב אויף גמרא געלייגט פאטשיילע;
צווישן מקוה און קבלת־שבת,
אין גרויס איילעניש „ס׳שלום נעמען״ — איז מילא.

עול־משפחה, שפלות, מרה־שחורה,
בחברותא שעפט מען שמחה איינער פון צווייטן;
ביים „שלום־עליכם״, „אשת חיל״ —
ממש הימלישע מלאכי עליון באגלייטן.

דאס טיש־פירן, דאס שריים־טיילן,
מיט ניגון גלות־השכינה צער אויסקלאגן,
א דבקות־ריקודל, א חדווה־טאנץ,
אבער עיקר־העיקר דאך — ס׳תורה־זאגן.

ווען דער „ידיד נפש״ הייבט אן צו זידן:
יידן, יידן, יידן! „אז ס׳הארץ ווערט צעשניטן,
און ער, א שאטנדיק־צעשאקלטער,
צווישן די בני־היכלא דכסיפין אין מיטן —

ראדשיצער־ליכט, יגיע־כפים באשיצט,
אויף איינמאל עס איז אויסגעלאשן געווארן:
מיט פארמאכטע אויגן מ׳טאפט אין חשכות — —
מוזן דאך יידן האבן ווו צופארן —

דער הייליקער שבת־קודש אייליק אוועק,
דערזען די דאגות וואכעדיק אין די אויגן,

האט ער זיך אונטער עול, זעק שווער מיט זארג,
א בייז־פארצערטער אין דרייען אזש געבויגן:

„האבן זיך אנגעזעצט אויף א יידן,
לאזן נישט זיצן במנוחה ביי דער גמרא.
אז וואו עפעס א בוגרת אן נדן,
א חולה־נופל, א דיבוק, אן עקרה,

די טיר איינצורייסן לויפן זיי אן,
ווי צו א ציגיינער, צו א כישוף־מאכער“ — —
ער שפאנט, פינסטער פארקוקט אויף זיין שאטן:
זע איך נישט טאקע אויס שוין אזא מין זנאכער?

וואו באהאלט מען זיך אויס, אז אין די נעכט
אויפן געלעגנער זיי לאזן מיך נישט שלאפן!
זיי גייען און קומען, פלאנטערן אן,
און איך ליג מיט אויגן פארגלייזטע און אפן.

אנגעזעצט זיך אויף צעבראכענעם ייד,
ביים לעבעדיקן לייב רייסן פון אים שטיקער:
אן אפשפרעכעניש, א באבסקע סגולה,
אביסל בוימאייל, א שטיקל קאנדל־ציקער.

אפגעשפראכענעם קופערנעם פייעם,
אויף די יערידן צו זשאבן און צו לייזן;
כאטש מיך פארשטעלן פאר עלענאוועז —
נאר אויף מארק — א קונה־הכל! — מיך באווייזן.

גאולה? א גוי גיט געלט צו לייזן!
און אליהו, דער מבשר פאר משיחן,
מיט מציאות פאר ארעמע יידן,
אויף יאר־מערק, אויף יערידן טוט ארומקריכן —

„ווי קינציק ר׳ דודל דאס געמאכט,
דער ראדעשיצער אין סוקמאן א סך בעסער!
געפאיעט די פערדלעך און צוגעזאגט,
הרים וגבעות און גין־גאלדענע שלעסער — —“

צעלאכט זיך, פאלט שוואך אריין אין זיין שטול,
דעם צערוישטן קאפ אנגעלענט אויפן שטעקן;
די טיר עפנט זיך אויף, א ייד בלייבט שטיל שטיין,
וועט ער דען וואגן דעם רבין אויפצואועקן?

ס׳דויערט, שמש קוקט דורך שליסל־לאך,



גבאי בלייבט זיצן אינמיטן קוויטל־שרייבן,
פון דרינען, ווי א בת־קול צעהילכט זיך:
„איך וועל זיי ווי די דיבוקים ארויסטרייבן!“

דער עולם ביים שוועל ציטערט פון אימה,
וואו אויגן טראגן שנעל זיי וואלטן אנטלאפן;
נאר דער גבאי ביים טישל שטעלט זיך אויף:
„יידן, די שערי־רחמים שטייען איצט אפן!“

אן אדלער מיט צעפלאשעטע פליגל,
צווישן די צוויי צעפראלטע טירן געשטאנען,
דער רבי מיט צוויי צעפלאמטע אויגן
און געשריגן: „פאשאל וואנט, ארויס פונדאנען!

„צוגעמאכט מיר די אפענע גמרא,
געמאכט מיך פאר א כשוף־מאכער, א ציגיינער!
טראגט זיך אפ און וואס גיכער, זאג איך אייך,
איידער איר ווערט „קופות של עצמות“־ביינער.

א סטאדע גענז פון א בייטש צעפלאשעט,
דער עולם צעלאפן זיך אין אלע זייטן,
דער רבי דעם גבאי אנכאפנדיק:
„כ׳וועל דיך לאזן שמידן אין אייזערנע קייטן!

„א מסחר זיך געמאכט, קוויטלעך שרייבן,
אויסנארן ביי א יידן דעם לעצטן דרייער,
דעם א בן־זכר און דעם א זווג —
כ׳זאג אייך, יידן, איר שפילט זיך מיט פייער“.

א צעפלאקערטער גאנץ, א צעפלאמטער,
די צוויי שווארץ־אפלען — צוויי גלאוונעס וואס ברענען:
קוקט זיך אום, זוכט, דעם כעס אויסצולאזן,
וואלט ער זיך אין עפעס איצט אנכאפן קענען?

„צער בעלי־חיים דאוריתא, אין שטייג די גענז
גייען אויס נאך א טראפן וואסער, א זשארנע“ —
פלוצלינג געבליבן שטיין ווי ביים דוכנען,
מיט „כל־נדרי“־ניגון מיט טאן פון „דאנדרנא“:

„אצינד מעג איך דאך יידן שוין בענטשן,
באוויזן דעם כהן כ׳האב, מיט מיין געבייזער;
י־ב־ר־כ־ך, וי־ש־מ־ר־ך — —
רופא־חולים דו, און אלעמענס באשפייזער.

„טאטע זיסער, דארף מען דיך ערשט בעטן?
א פאטער גיט דאך זיינע קינדער צו עסן!“
און אזוי בענטשנדיק און שמחהדיק
ביי דער אפענער גמרא שוין געזעסן:

„כהנים זריזים בעבודתם — —
טאטע־פאטער, קיין קרבנות כ׳קאן נישט ברענגען,
אבער די ברכת־כהנים מצווה —
פאר א ייד יעדע רגע מיין בלוט צו שפרענגען“.

אויפגעציטערט אלע בייזע רוחות,
ביי דעם זריזותדיקן פאך פון דער פאטשיילע,
אלע דיבוקים־חולאתן ארויס,
און ער אויף זיין שטול איצט, זיצט לעילה ולעילה.

## דער „חסד לאברהם“

יענער דרים פאדים וואס זיך געצויגן,
א שארלאך־רויטער און איז געווארן ווייס,
בשעת אין קדשי־קדשים כהן־גדול,
ריין געוואשן די הערצער פון אלדאס בייז.

יענער חוט של־חסד אויף זיין פנים,
זייט א קינד אנגעהויבן ערשט אלף־בית,
ביז זיין בארד „שיורד על מדותיו“ —
די גנאד אויף דעם הדרת־פנימדיקן גרייז.

ווער זוכה געווען צו זען די צורה
פון „חסד לאברהם“, ווען תורה געזאגט,
שריים געטיילט — — ביים הארץ־לעפעלע
ווי האט עס אזוי זיס־זויערלעך גענאגט.

אלע מחשבות זרות פון הארצן,
אלע באגערן פון קאפ ארויסגעיאגט;
חדווה־ריקוד הארץ גענומען טאנצן,
ווי פאריסורימט און מיט דאגות געפלאגט.

די סטעליע צום הימל זיך דערהויבן
ווען דער רבי אריינגענומען אין ראד;
יעדן מיט זיין בליק ארומגענומען,
מיט אזויפיל גוטסקייט און של־חסד גנאד.

דער כהן־גדול פון קדשי־קדשים
ווען ר׳איז ארויסגעגאנגען — פונקט אזוי גראד



דער „חסד לאברהם“ דעמלט אויסגעזען —
זאל דאך זיין זכות אונז ביישטיין, לעולם ועד!

ביים פראווען זיך, דאס הייליקע פנים
פון „חסד לאברהם“ נאר אנגעקוקט בלויז,
איז אינם הארצן שוין גוט געווארן,
מיט אלע דאגות און יסורים איז אויס.

זיין „כוס ישועות אשא“ ביי הבדלה,
די אויגן אויפגעריסן, פארגלייזט און גרויס!
זעענדיק אים לייענען ס׳קוויטל נאר,
פון זיין שטוב א געהאלפענער מ׳איז ארויס —

זיינע אויגן ליכטיק אויפגעהויבן,
דאס שווערסטע הארץ געווארן פול פרייד און גליק!
ווי דאס קוויטל געקנייטשט, געדרייט אין האנט
צווישן זיינע פינגער אהין און צוריק,

האט מען שוין געוואוסט ס׳איז גוט, מ׳האט געפועלט;
ווען אבער זיין שטערן זיך געקנייטשט, זיין בליק
טרויעריק פול מיט טרערן און זיין הארץ,
א גייענדיקער זייגער: טיק־טיק, טיק־טיק —

אין לייד אייגענעם האט מען פארגעסן,
אים גאר טרייסטן האט מען דעמלט רק געוואלט — —
פון זיין זיידענעם כאלאט דער גארטל
ווי אן אומרו געציטערט מיט שווארצן טראלד.

נישט קיין מענטשלעך קול, נישט קיין מענטשלעך מויל,
יעדעסווארט ווי פון הימל ס׳וואלט געבת־קולט:
„אך טוב וחסד“ אלדאס גוטס, אלדאס גוטס —
געשפאלטן געקלונגען א גלעקל פון גאלד.

## דער רבי ר׳חזקעלע זצ״ל

ווען ר׳חזקאלע זיך געזעצט אויף זיין שטול,
האט ער נאך קלענער אויסגעזען ווי געווען:
דער „תפארת שלמה“, דער „חסד לאברהם“,
בלויז איך מיט וואס צו כביכול כ׳גענען?

מיט מיין דאווענען, מיט מיין בלאט גמרא?
דאס איז דאך אין בית־מדרש יעדער ייד!
זאלן דאך מיינע זכות־אבות מיר ביישטיין — —
האט זיך צעיאמערט אין אים יעדעס גליד.

און אז זכות אבות, פארוואס נישט ער, נחום,
מיין ברודער, דער קדוש ? אויף מיר זיך פארלייגט !
טרערן גיסן זיך פון זיין אפענעם בליק,
מיט שפיץ־בארד מויל זיך פארשטיפט זיצט און שווייגט —

אן א מום, אן אן עול דער עגל־המשולש — —
טאטע־זיסער, דיינע וועגן ווער ווייסט ?
כאטש כוח האבן חוט המשולש צו זיין,
איידער לעצטער פאדים איינגאנצן זיך רייסט.

„צדיק גוזר והקב״ה מקיים״ — —
וואס בין איך פאר א צדיק כ׳זאל גוזר זיין !
און אזוי זיצנדיק עפנט זיך די טיר אויף
און א ייד מיט א קוויטל קומט אריין.

דער שמש מאכט הינטער אים די טיר שנעל צו,
דער רבי נעמט דאס קוויטל אין האנט לייענט און לייענט ;
ער האט מורא די אויגן אויפצוהייבן,
הערנדיק ווי דער ייד ביטער זיך צעווייגט :

„ביזגעלע דער רבי נישט צוזאגן,
כ׳וועל פרי׳ר פון הייליקן שטול נישט אוועק״.
מיט וואסער אנגסטן דער ייד קוקט אויף אים !
הערנדיק ווי דער ייד ביטער זיך צעוויינט :

דערזען דעם ארעמאן וואס שטייט פאר אים
מיט די פאר אפגעשפארטע גראשן פדיון־געלט,
און זיך צעוויינט נאך העכער פונם ייד :
„טאטע־פאטער, אל־רחום איבער דער וועלט !״

דערשראקן מיט צוגעמאכטע אויגן
איז דער ייד פון יחוד־שטיבל ארויס
און געוואוסט ווי דער „תפארת שלמה״
„חסד לאברהם״, ר׳חזקאלע אזוי גרויס.

ווען דער רבי האט זיינע געעפנט
און דעם ארעמען ייד אין שטוב נישט געזען,
געשעפטשעט : „כ׳בין דאך א כהן, פאר א ייד
מיין הארץ מקריב צו דיר איך געגען״.

און ווען שטיל אויפגעהויבן און צוריק
ביי דער סלאוויטער גמרא זיך געזעצט,
האבן נאך אלץ טרערן פון זיינע אויגן
די דיקע גמרא־בלעטער באנעצט — — —



ווער ס׳האט נאך ר׳חזקאלען דעם ראדאמסקער
א בלאט גמרא־זבחים לערנען געזען,
געזען דעם כהן־גדול ביי דער עבודה
ווען ער איז לפני ולפנים געווען.

## דער רבי ר׳שלמה חנוך הי״ד

זיי ביי יעדן שמע ישראל, יעדע רגע,
גרייט געווען אויסגיין פאר גאט, פאר מינדסטן ייד ;
האט ער עס, דער זון, ס׳איניקל, ס׳אוראייניקל,
עס זוכה געווען — גאט באשיץ און באהיט !

א.

ר׳שלמה חנוך, דער לעצטער ראדאמסקער,
ווי א וועקסל, להבדיל, א קוויטל געלייענט
און שוין ביי קאסע, אין באר עס אויסגעצאלט,
נאך איידער דער ייד האט זיך פאר אים צעוויינט.

א היימישער, אן אייגענער, א ידיד,
נישט איינמאל א שמועס געכאפט, חסידיש א טשעפ,
קומט דאך נישט שעפן רוח־הקודש ביי מיר — —
און דרויסן אויף שוועל נאך, טרעפ אויף טרעפ.

שטייט ער טרויעריק, א שטיל־פארטראכטער,
מיטן פנים צום פענסטער אויסגעדרייט,
א קינד ר׳וואלט געווען ביים טאטן אין שויס,
און ווי פון הימל אראפ פאלן רייד —

ב.

. . . פון טאטן, דער טאטע פונם זיידן,
„חסד־לאברהם״ פון „תפארת־שלמה״ געהערט :
אן מסירת־נפש פאר מינדסטן ייד,
אלע צרופים און תקונים קיין שום ווערט—

ער, ר׳ משהלע זיך גאר לייכט געמאכט,
גענומען דעם שטעקן, אין וועג זיך געלאזט,
זיין ציון צומאל זיך אויסצוויינען — —
אלע פחים קטנים אונז, איבערגעלאזט !

„צינים ופחים בדרך עקש —
מ׳מוז זיך פארעקשנען צו העלפן א ייד !
ווי אויף א יארמארק מען מוז איינרייסן,
ס׳איז אלע טאג אויפן הימל א יעריד.

ער זאל אונז מוחל זיין, דער לעלעווער,
פאר גלגול־מחילות ער האט מורא געהאט:
משיח׳ן מ׳גייט אקייגן מיט ברויט זאלץ,
ווען א הונגעריקן נפש מען מאכט זאט...
— — — — — — — — — — — — — — —

פאר טאטן, פאר זיידן, עלטער זיידן,
געקומען א ייד דאס הארץ אויסגעקלאגט,
א געהאלפענער אוועקגעגאנגען,
אבער וואס בין איך שוין מישטיינסגעזאגט?

ג.

מיר האבן דאך אבער בקבלה
פונם „סבא־קדושה״ נאך, זצ״ל:
אז ס׳הארץ גייט אויס א צווייטן צו העלפן,
מ׳מעג זיין צומאל אליין א קל שבקל.

זכות־אבות, מתפלל זיין — אוודאי!
ווי אבער דער דין, אז ס׳ליגט שוין אין באר?
פרנסה, נדבים צו סילוקן,
און פאר תורה און ישיבות — אין לשער.

מ׳האט דען זיין עשירות געקענט ציילן,
פונקט אזוי אויך זיין געבן — אלץ מער און מער;
ביים לעצטן ראדאמסקער ס׳האט דאך געמיינט
ס׳רענדל — אויסגעוויינטע יידישע טרער.

ד.

דער סבא, זצ״ל? זאגן נישט שוין חז״ל:
‚ווער געזאגט ס׳האט, אז לייכטן עס זאל אייל׳ — —
וואונדער פארוואנדלט ווערן אין טבע —
פון גאנצן, פון גאט פון אמת מ׳איז א טייל —

עס זיינען אלע זאכן ארום אונז,
ווי צעטיילט זיי זאלן נישט זיין — היינו חד!
יעדעס פארוויקלטע קרייטעכץ־בלעטל,
א קמיעה געשריבן מיט גאטס כתב־יד.

‚חתימתו של הקב״ה אמת׳,
מוז דאך דער צלם אלוקים עס אויך זיין;
איז דען נישט די פאלטשקייט צווישן מענטש און מענטש,
אויפן עולם־השקר ס׳גאנצע געוויין?

א שטיק פאפיר, א וועקסל, א באנקנאט,
ס׳מוז נאר שטיין דערונטער דאס ערלעכע ווארט;



אלץ דער „מאמר״! דעם ראדעשיצערס זאג:
„טאם מה אומר, וואס זאגט מען דארט?״

דער איינס, דער אחד מוז נאר שטיין פארויס
און ס׳ווערט מיליאנען, ביליאנען — עד לאין סוף!
א פיצל קרייטעכצל, אן עוקצל אייל — — —
קיינמאל ר׳בלייבט נישט שולדיק, ר׳איז קיינעמס בעל־חוב — —

וונדער ווערן פארוואנדלט אין טבע —
פון גאנצן, פון גאט מען איז א טייל;
בציבור, צוזאמען, עם כל הקהל
מקוים ווערט דער, כי עמנו אל — —

ה.

דער גרויסער בעל־חשבון וואס ר׳איז געווען,
עד פרוטה אחרונה באצאלט האט ער אלץ — —
ערשט געקומען צו חשבון־הנפש,
ווי א קרבן אויסגעשטרעקט ער האט דעם האלז.

ווען געהערט דעם „איה השה לעולה״?
„הנני״! גערופן מיט אלע צוזאם;
אויב א לאם, א שעפס מוז זיין א תמים,
מיינט עס דאך א מענטש א תמים — אן איש־תם.

„כעוגה בלי הפוכה״ — אן עולה,
א בראנדאפער, וואס גייט אויף גאנץ אין פלאם,
מיט די 6,000,000 זיין, מכוון זיין,
דעם חשבון געניי וויסן, נישט אזוי סתם.

מיט איין „שמע ישראל״ עס באוויזן,
ביים אחד אלע ארבע מיתות אויסצושטיין,
פאר טאטן, פאר זיידן, עלטער־זיידן,
און מיט זיין לייב און לעבן פאר זיך אליין:

„הריני מוכן ומזומן לקיים,
די מצוות עשה פון קידוש השם;
אויב דער דין איז מצוות צריכות כוונה,
טו איך עס, לויט וויפיל איך קען און באנעם:

„לשם יחוד קדשב״ה, ושכינתיה — — —״
נאך זיינען די אויגן אפן, דאס בלוט זידט
און פון הייליקן האלדז כארכלט געזאנג:
„א ייד־א ייד־א ייד, א ייד־א ייד —
— — — — — — — — — — — — — — —

ז.

נישט אויסגעלאזן ס׳האט זיך די גוף,
של־מעלהדיק אצינד זי הייבט זיך ערשט אן;
א כהן לאל־עליון אויפגעגאנגען
בגנזי מרומים — אונטער גאטס כסא־טראן.

„חנוך שר־הפנים עומד ומקריב",
מוז דאך דער חנוך א כהן־גדול זיין,
א כהן בן־כהן — חסד שבתפארת.
זיין זכות זאל אונז ביישטיין — אמן ואמן.

## „דער רבינס בחור"

ווען דער „תפארת שלמה" געקומען קיין סאנדז,
און מיטגעברענגט מיט זיך איין שמש בלויז,
האט ר׳ חיים דעם גאסט פארוונדערט אנגעקוקט:
„היתכן, אליין אזוי מלאזט זיך ארויס"?

האט דער ראדאמסקער שמייכלדיק אים גענטפערט:
„אין דער היים האב איך כוח משמש צו זיין צוויי,
משום טרדת־הדרך, חולשה־דאורחא,
בין איך שוין יוצא מיט איינעם פון זיי".

די תשובה איז נישט געווען גלאט בדיחהדיק,
ווי זיין דרך, וואס אזוי ליב געהאט;
דער גבאי און דער שמש אין דער היים צומאל,
אויך נאר געווען פארן עולם — לשם שטאט!

סטייטש, מאכן אן עבד פון ייד א בעל־בית,
פון מענטשן זיך לאזן משמש זיין?
אויף דעם דער רבי געהאט א ייגגען בחור,
ציבוק דערלאנגן, א גאנג מיטצוגיין.

דעם „תפארת שלמהס" בחור כ׳האב נאך געקענט,
א ישיש פון די ערשטע יושבים ביים טיש.
פון „חסד לאברהמס", — ר׳חזקעלעס גבאי! —
געקריגן אן אויג פונם שריים־פיש.

די האר פון דער לאנגער ברעם זיך אים אויפגעשטעלט,
איבערן לייב אים געגאנגען א סקרוך,
ס׳גאנצע בית־מדרש פול מיטן קטורת־סמים,
מיטן ריח־נחוח־רויך געררוך,

ווען ס׳האט דער ישיש גענומען דערציילן,



ווי דער תפארת שלמה ארומגעשפאנט,
אין זיין חדר־מיוחד, לפני־ולפנים,
מיטן ברענענדיקן ציבוק אין האנט —

„שפאנען אים אזוי געזען, מען האט פארשטאנען,
דעם, גבור כארי, עז כנמר, רץ כצבי,
אהער און אהין, אן אויפהער: ,שכינתא בגלותא׳,
ביזגל דעם מארגענשטערן אין דער פריי".

און ר׳ יעקל בעל־אכסניה׳ס גאנצער יחוס:
א בחור ביי ר׳חזקעלען געווען"!
מען האט אים נאך אלץ גערופן „יעקל בחור",
כאטש בחורים אליין שוין געהאט צען.

דער בחור פון לעצטן, מיין חבר שמואל געווען,
ביי דער גמרא אמאל דערציילט ר׳האט מיר:
„פאר חצות, פארשלאפן, געהערט רופן מיין נאמען —
איינגעדזשימיעט דרויסן הינטער דער טיר.

„ווי אין חלום דאכט זיך מיר, איך שריי: ,הנני׳!
ווי שמואל ביי אלי הכהן אין געצעלט;
אבער דאס זריזות זיינס! איידער וואס, ווען,
האט ער מיך שוין ביי דער שוועל אפגעשטעלט:

„כ׳זע דאך ווי די אויגן פאלן דיר צו, ביזט מיד,
קיינער מיך נישט אויסכאפן... לייג דיך צו".
ביי דער האנט מיך אנגענומען, אריינגעפירט,
אין דער „גרינער שטוב" צום טשעסלאן: „נו, נו".

„דאס ענוותדיקע זיינס, דאס טאטעדיקע,
דאס פירן מיך ביי דער האנט ווי א קינד,
תמיד, ווען כ׳דערמאן מיך כ׳קאן עס נישט משיג זיין — —
דעם „נו, נו!", דעמלט, כ׳הער אים נאך אצינד.

„דו ווייסט דאך איך בין א קיילעכדיקער יתום,
קיין מאמע־קוש, פון א טאטן קיין גלעט — —
דער „תיקון־רחל" געוויגט: ,ווי, ווי,
ווילאנג נאך"? ווי צו ווען ער וואלט גערעדט.

„און ווען אויפגעוואכט, נאך ,חצות׳: פון מיינע פיס גאר,
די שיך ווער מיר אויסגעטון היינט אין דער נאכט"
— — — — — — — — — — — — — — — —

גמרא שוין פארמאכט, אין שרעק שטיל־צעשאקלטע,
געבליבן זיצן, אין זיך טיף־פארטראכט.

## סוף פסוק

„תם ונשלם שבח לאל בורא עולם״ —
געענדיקט לעצטע שורה אויף לעצטן בלאט!
ווען נישט אזעלכע תמימים אויף אונזער ערד,
ס׳גאנצע וועלטל וואסער ווערט וואלט עס געהאט.

ש״י עגנון

## שיך

אז מיין באבע, גיטל רייזא, איז געשטארבן, עליה השלום, האבן אירע טעכטער און שנורן גענומען און איינגעטיילט צווישן זיך אירע צירונג, און די קליידער האבן זיי אוועקגעשענקט רבקהן און די איבריקע דינסטן. האבן זיי דאך זיי געלופטערט ביי איר לעבן, וועלן זיי זיי טראגן נאך איר טויט, נאר נישט די שיך, וואס זיי האבן ערגעץ־וואו אוועקגעלייגט און קיינעם נישט געגעבן. רחמנא לצלן, ווער עס טוט אן די שיך פון א מת, כידוע, לעבט נישט אויס דאס יאר!

נו, אין א געוויסער נאכט זעט מיין מומע שרה די באבע, עליה השלום, אז דאס פנים איז איר טרויעריק.

זאגט זי צו איר, ביסט טרויעריק, מאמע? ענטפערט זי, ס׳טויג נישט, שרה, ס׳טויג נישט. זאגט זי צו איר, וואס איז דיר, מאמע? זאגט זי, כ׳האב גרויס צער, ווייל אונזער רבקה גייט שטארבן און איך קען נישט ארויפשטייגן אין הימל אריין און בעטן רחמים פאר אירעטוועגן, מחמת זי האט צוגענומען די שיך מיינע און כ׳האב נישט וואס אנצוטון אויף די פיס.

אין דער פרי האט מיין מומע זיך דערמאנט דעם חלום און זיך גארנישט געמאכט דערפון. ביי וועמען עמיצער איז געשטארבן, רחמנא לצלן, געוויינטלעך אין ערשטן יאר קומט דאס מת אים צו חלום.

אין צוויי־דריי טעג ארום הערט מען אין שטוב, אז רבקה איז קראנק געווארן. גייט מיין מומע זי מבקר חולה זיין.

זיצנדיק לעבן איר, זעט זי דער מאמע אירערס שיך אונטערן בעט. טראכט זי זיך, אפשר איז דאך דא א צוזאמענהאנג צווישן חלום און רבקהס קראנקהייט, נאר כדי זי נישט מבייש צו זיין שווייגט זי און זאגט גארנישט. אבער אירע אויגן, פון זיך אליין, אן איר ווילן, האלטן אין איין בליקן אויף דער מאמעס שיך. האט עס רבקה דערפילט און זאגט צו איר, כ׳האב מיך נישט געקענט באהערשן און גענומען דיין מאמעס שיך, עליה השלום.

מיין מומע האט א זיפץ געטון און געשוויגן.

פרעגט רבקה, ביסט בייז אויף מיר?

זאגט מיין מומע, ניין, כ׳בין נישט בייז אויף דיר, נאר ס׳קומט מיר פאר, אז עמיצער איז בייז. פרעגט זי ווידער, אנטקייגן וועמען זענען אט די רייד געזאגט געווארן?

האט זי איר דערציילט דעם חלום.



ווי רבקה האט דאס דערהערט, האט זי זיך גענומען שלאגן אין פנים אריין, זיך רייסן די האר פון קאפ און שרייען, וויי איז מיר, וויי איז מיר, וואס האב איך געטון, וואס האב איך געטון!

האבן אירע נאנטסטע עס דערהערט און זענען געקומען און גענומען די שיך און אוועק אויפן בית־הקברות און זיי אנידערגעלייגט אויפן קבר פון מיין באבע, עליה השלום. א גרויסער שניי איז יענעם טאג געפאלן און זיי האבן געמוזט טרעטן אין שניי ביז איבערן נאפל. נישט געקוקט אויף דעם, זענען זיי ארויס אויפן בית־הקברות און געגאנגען אויף איר קבר און איר אומגעקערט די שיך.

פון דעמאלט אן האט מיין באבע זיך מער נישט געוויזן טרויעריק, מחמת איר געבעט פאר רבקהן איז אנגענומען געווארן, און רבקה איז געקומען צום געזונט און פון דער באבען האט זיך אפגעטון דער צער.

מיט דער צייט האט זי אויפגעהערט צו קומען צווישן די לעבעדיקע, נאר ווען די שעה האט עס געפאדערט איז זי יא געקומען, ווארום זי האט געהאט אנדערע וועגן צו גיין. פון אירע מעשים טובים, וואס זי האט געטוןביים לעבן, איז צו רעכענען, אז אלע אירע גענג, עליה השלום, זענען געווען אין גן־עדן העליון צווישן די אנדערע נשים צדקניות.

אז רבקה איז געזונט געווארן איז זי אוועק אויפן קבר פון מיין באבע, עליה השלום, און זיך דארט אנידערגעלייגט צו בעטן מחילה ביי איר. עס איז דעמאלט געווען א טאג, ווען דער שניי צעגייט, און האט דארט אפילו קיין שיך־בענדל נישט געפונען. אויסגעזעען האט עס ווי די באבע אליין וואלט צוגענומען אירע שיך, ווארום ס׳איז נישטא קיין מענטש אין שטאט וואס האט נישט געהערט אט די מעשה, און ווער וואלט זיך עס אונטערגעשטעלט אנצוטון די דאזיקע שיך?

פון עברית איבערזעצט,
א. אלמוג

יוסף ד. באסט

## די פרוי

די שמידעריי האט זיך געפונען הינטערן דארף ביי דער לאנקע ניט ווייט פון וואלד. איר אייגנטימער קארל, א פעסט געבויטער מאן מיט א שטארצנדן קינביין און קורצע שווארצע וואנסן, האט צוזאמען מיט זיין ווייב געוווינט לעבן דער שמידעריי אין א צוויי־צימערדיקע דירה. דאס פארפאלק קינד־לאז טראץ זייער 7־יעריק צוזאמענלעבן — האט מיט קיינעם פון די דארפסלייט ניט אנגעהאלטן קיין נעהנטערע באציונגען. דער איינציקער קאנטאקט צווישן דעם שמידער און די פויערים — אויסער דער זאכליכער מגע ומשא וועגן ארבעט און לוין — איז באשטאנען און געמיינזאמען שיכורן אין דער קרעטשמע און אין באזוכן די דארפישע קארוזעל—דערױבער, ווען ער האט זיך דעצידירט אנצונעמען אלס געזעל דעם 15־יעריקן יתום יאן, האט ער עס געטאן מער כדי צו האבן א נייעם מענטש אין שטוב איידער צוליבן ווירקליכן געברויך פון

זיין ווארשטאט.

דער געזעל איז געווען א צוואקסענער איבער זיינע יארן, מוסקלדיקער יונג מיט א לענגליך אפגעברענט געזיכט, מיט א פלאקסענע טשופרינע און גרויסע ראבער־אויגן. דער בעל־הבית, וועלכער האט אים אלס פריש אנגעקומענעם אין דארף (א פנים, פון אן אויסבעסערונגס־הויז) געקענט פון ניט לאנג, האט געהעריק אפגעשאצט זיין נאך אומרייפע מענערישע שיינהייט. ניט האבנדיג קיין שום גרונד צו זיין אייפערזיכטיק, האט ער דאך „פאר יעדן פאל" באשלאסן צו פארמיאוסן אים אין די אויגן פון זיין יונגער פרוי.

ער האט דאס געטאן סיסטעמאטיש און אויף א ראפינירטן אופן. ער האט אים די ארבעט צוגעטיילט אזוי, אז דער בחור זאל ניט האבן קיין צייט זיך ארומצוואשן און מוזן קומען צום מיטאג אן אויסגעריסטער. בעתן עסן האט ער אפגעשפאט פון זיין כלומרשט אומגעלומפערטן באגיין זיך מיט די פערד און שווער באנעמען די כללים פונעם פאך. דאס יינגל, פילנדיג די בייזוויליקע כונות פון דעם פריציפאל׳ס כלומרשט גוטמוטיקע וויצן, האט זיך גערויטלט פון פארבארגענעם כעס און אראפגעלאזט דעם קאפ, כדי מ׳זאל ניט זעהן זיינע פונקלענדיקע אויגן. עווע, דעם שמיד׳ס פרוי, האט דעם מאן מילד מיטיגירט, זי האט אבער אויסגעמיטן ענערגישער זיך אנצונעמען דעם יינגל׳ס קריוודע, ניט ווילנדיג גיסן בוימל אויפן פייער...

אין די זונטאגן האט יאן באלד נאכן גאטעסדינסט געמוזט זיך אומקערן פון קאסציאל צוריק אין דער שמידעריי, בעת זיינע בעלי־בתים זענען געגאנגען זיך פארוויילן. אן איינזאמער איז ער געזיצן אויף דער שוועל פארקוקט אויפן וואלד. אין יענע לאנגע שעהען האט ער געהאדעוועט אין זיך א שנאה צו זיין פארפאלגער און געטרוימט וועגן דער שיינער עווען. אט די ביידע געפילן — האס צום בעל־הבית און גלוסטונג צו זיין פרוי — האבן זיך אין אים קעגנזייטיק אויפגערייצט. אין דמיון האט ער אפט געזען זיך אליין א פארטאנענעם און ליבע־שפיל מיט דער יונגער פרוי, בעת איר מאן, א געפענטעטער און אומעכטיקער אויפן קעגנאיבערדיקן בעט, מוז זיך צו דעם הילפלאז צוקוקן. אויף דער וואר האט ער די בעל־הבית׳טע פארבארגענערהייט נאכגעקוקט פון אונטער דעם אראפגעלאזטן שטערן מיט אויגן האלב פארשטעלטע מיט די סנאפעס פלאקסענע האר, בשעת איר אומגיין ביי איר בעל הביתישקייט, בשעת איר נייען זיצנדיג אויף א שטול מיט איין פוס פארלייגט אויפן צווייטן, בשעת איר אנבויגן דעם ווייבעריש רייפן קערפער ביים בעטן דאס געלעגער. ער האט זיך אין זיין יינגלשער נאיווקייט ניט אנגעשטויסן, אז זי זעט און פארשטייט גאנץ גוט וואס עס טוט זיך מיט אים און האט דערפון הנאה... ס׳האט אים געצויגן צו איר, ווען זי פלעגט, א יום־טובדיק אויסגעפוצטע און איר באבלומט קלייד, ארויס־גיין צוזאמען מיטן מאן פון קאסציאל; און איין מאל, ניט קאנענדיג בייקומען דעם יצר, האט ער זיך פארגנבעט צו דער קארוזעל...

אין באגלייטונג פון א גרילצנדיקע מעכאנישע מוזיק האבן זיך געדרייט



אין א ברייטן ראד לאקירטע וועגעלעך און הילצערנע פערד. אויף איינעם פון די פערד איז געזיצן עווע. יעדעס מאל ווען דער פערד האט זיך אויפגעהויבן און דערנאך אראפגענידערט אין דער לופט, האט זי ארויסגעלאזט א האלב דערשראקענעם האלב אנטציקטן קוויטש! בעת איינעם אזא אראפנידערן פונעם פערד אונטער איר האט זיך איר קלייד צוליב א בלאז פון ווינד פלוצלינג א הויב געטאן און פאר יאנ׳ס ברייט צעעפנטע אויגן האט אויף אן אויגנבליק א בלאנק געטאן די פארבלענדנדיקע ווייסקייט פון איר לייב. —

דעם זעלבן טאג אין אוונט איז צום ערשטן מאל דערגאנגען צו א פיזישן צוזאמענשטויס צווישן דעם בעל־הבית און זיין געהילף. ווען דער האלב שיכורער קארל האט בשעת דער וועטשערע לויט זיין שטייגער גענומען אפשפאטן פון אים, האט יאן. — דווקא היינט, נאך דעם וואס עס האט פאסירט אויף דער קארוזעל — — ניט געקאנט זיך מער באהערשן און העזהידיק אפגעענטפערט. קארל, א דערשטוינטער, איז אויף א ווײלע זיצן געבליבן מיטן ביסן פארשטעקט אין דעם אפענעם מויל. דערנאך איז ער אויפגעשטאנען, אויסגעשפיגן דעם ביסן, ארויסגעשלעפט דעם געזעל אויפן מיטן צימער און אים אנגעהויבן שלאגן. דאס יינגל האט זיך געווערט און זיי זענען ביידע אומגעפאלן, אמפערנדיג זיך אויפן דיל; אומזיסט האט זיך עווע באמיט זיי צעטיילן. דער פרינציפאל איז שטארקער געווען. ער האט באוויזן אומצוקערן דעם קעגנער אויפן רוקן, זיך ארויפגעלייגט אויף אים און מיט איין ארעם צוגעדרוקט ביידע זיינע הענט. די פרייע האנד האט ער ארויפגעלייגט אויף זיין האלדז. ער האט אבער די פינגער ניט צוזאמענגעדריקט; ער האט נאר געגעבן צו פארשטיין, אז אויב ער זאל וועלן, קאן ער אים דערווארגן. ער האט אים ענדליך אפגעלאזט און זיך אויפגעהויבן פון דיל. אנטקעגן אים איז געשטאנען עווע מיט בייז פינקלענדיקע אויגן.

— גענוג! — האט זי אויסגערופן. — איך וויל דאס מער ניט ליידן!

זיין פנים האט זיך באדעקט מיט א געדיכטער רויטקייט. ער האט, סאפענדיג נאכן פארענדיקטן קאמף, אויפגעהויבן קעגן איר די האנד.

— דו וואגסט? — האט ער דראענדיג שטיל א פרעג געטאן.

— יא, איך וואג. זאלסט אים ניט פייניקן! איך קאן עס ניט פארטראגן!

א ווײלע זענען זיי אזוי געשטאנען איינס אנטקעגן דאס נאדערע. ענדליך האט קארל אראפגעלאזט די האנד און איז, מורמלענדיג א קללה, ארויס פון שטוב.

אויף צו מארגנס האט ער אפגעזאגט דעם געזעל פון דער ארבעט.

✡

מיט פיר יאר שפעטער, אין א הארבסטיקן טאג, האט יאן, וועלכער האט נאכן אפזאגן אים פון דער ארבעט פארלאזט דאס דארף, באזוכט עווען. ער איז איצט געווען געקליידעט מיט פאריסענער עלעגאנץ, פארפירעריש שיין און אטלעטיש געבויט. עוועס מאן איז מיט א יאר צוריק דערטרונקען געווארן שיכורערהייט אין טייך. עווע האט ליקווידירט די שמידעריי, וועלכע זי האט

פארוואנדלט און א קאמער פאר געהילץ, פארקויפט די מכשירים און זיך אויסגעהאלטן פונעם אפגעשפארטן געלד און פון דעם מאנ׳ס רענטע.

ער האט זי געטראפן אין איר ציכטיק אויפגערוימטער וווינונג. אנטקעגנאיבער דעם אריינגאנג איז איבער דעם אומגעקומענעם געלעגער געהאנגען זיין פארטרעט אין בונטע קאלירן, מיטן געדענקבליק שטארצנדן קינביין און די קורצע שווארצע וואנסן. די שווארץ געקליידעטע אלמנה האט זיך געגרייט ארויסצוגיין פון שטוב, ווען ער איז אריינגעקומען.

זייער באגריסונג איז געווען א קורצע. ס׳האט זיך אין איר דערוועקט איר אמאליק רחמנות־געפיל צום באעוולטן געזעל מיט די גרויסע ראבער־אויגן, א געפיל צונויפגעמישט מיט א באגער צו זיין יינגלשן צעוואקסענעם גוף. ער האט איר טיף אריינגעקוקט אין די אויגן און דארט געפונען די הסכמה אויף זיין פארלאנג. ער האט זי אן ווערטער ארומגענומען און געקושט אין מויל. זי האט מיט א זיפץ פון דערלייכערונג צוגעמאכט די אויגן. דערנאך האט זי זיי געעפנט, אוממעכטיק פארנעפלטע... זי האט זיך אים איבערגעגעבן. אבער איידער דאס איז געשען, האט זי אראפגענומען פון בעט א שווארצן טרויער־שלייער און מיט אים פארשטעלט דעם פארטרעט.

פון יענעם טאג — אן האט ער זי באזוכט יעדן טאג. ער האט זיך מיט דער פולער מאס גענומען פארגיטיקונג פאר זיינע אמאליקע ליידן און די ניט באפרידיקטע יינגלשע באגערן. ער האט שנעל פארשטאנען, וואס פאר א מעכטיקן איינפלוס עס האט אויף איר זיין אומדערשעפטע מענערקראפט. זי איז געווען אין זיינע הענט אן אומווילליקע זאך, איינגעגאנגען אויף זיינע ווילדסטע עראטישע פאנטאזיעס; איין פארלאנג זיינעם האט זי נאר ניט געוואלט דערפילן: אראפנעמען דעם שלייער פון קארלס פארטרעט בעת זייערע שטיפערייען.

ענדליק האט ער אויך דאס אויסגעפועלט. ער איז אנומלט, ווען זי איז געליגן אין זיינע ארעמס האלב פארחלשט פון זיינע קושן, אויפגעשפרונגען, אראפגעריסן פון פארטרעט דעם טוך און, נאך איידער זי האט באוויזן אויסצורעדן א ווארט, שוין ווידער פארזונקען צוזאמען מיט איר אין אפגרונד פון תענוג. אין איר לאנגן קרעכץ פון גליק — דעם אויסלייז־קרעכץ פון א באפרידיקטער פרוי — האט ער דערהערט איר הכנעה...

און אזוי איז עס ביי זיי אנגעגאנגען. זייער שפיל פלעגט זיך אנהויבן, ווען דער פארטרעט איז פארשטעלט געווען מיטן שווארצן שלייער. אבער ווען עווע, צעפלאקערט פון זיינע צערטליכקייטן, איז פארוואנדלט געווארן אין אן אנווילליקן תשוקה׳דיקן גוף, פלעגט ער אויפשפרונגען, אפדעקן דעם פארטרעט, און מיטן שלייער ווי מיט א מלחמה־טראפיי אין האנד, זיך אומקערן צו איר.

— זאל ער זען — האט ער געשריגן — זאל ער קוקן און זען וואס איך טו מיט זיין ווייב!

און זי, אומפעיק צו א ווידערשטאנד, האט זיך נאר הכנעה׳דיק באקלאגט:



— ליבער, גענוג. פארוואס אזוי פיל האס? איך ווייס, ער האט דיך דערנידעריקט, אבער ער איז ניט געווען אזוי פארביסן ווי דו...

וואס מער דרייסטקייט, מער חוצפה אין דער אויסגעלאסענער לוסט, זי, עווע, וועט איינגיין אויף אלץ! אין דער רגע פון איר אומדערטרעגליך אנגעצויגענער ליידנשאפט, ווען זי שליידערט זיך אין זיינע ארעמס, ווארטנדיג אויף דער אויסלייזונג וואס ער דארף איר געבן, וועט זי טאן אלץ, וואס ער וועט הייסן! ער איז אויפגעשפרונגען, אראפגעריסן די טוך צוזאמען מיטן פארטרעט, אים אפגעדעקט און, ווידער מיט איר פאראייניקט, דערנענטערט דעם פארטרעט צו איר מויל:

— שפיי!

זי האט געעפנט די אויגן.

— שפיי אויף אים!

זי האלט לאנגזאם אפגעווענדעט דעם בליק אין א זייט.

— ער לעבט נישט — האט זי ארויסגעמורמלט.

פאר יאן׳ס אויגן איז פלוצלינג אויפגעשווומען די ערינערונג פון יענעם זונטאגדיקן אוונט, ווען קארל האט ארויפגעלייגט די האנד אויף זיין האלדז. ער האט איצט געטאן דאס זעלבע: ארומגענומען דעם צארטן האלדז פון דער פרוי מיט זיינע שטאלענע פינגער, אבער ער האט זיי צוזאמענגעדרוקט.

— שפיי!!

ער האט דערשפירט ווי אירע נעגל, איינגעקלאמערט אין זיין ארעם, הויבן אן נאכצולאזן און האט פארשטאנען אז ער קאן זי טויטן. ער האט באפרייט איר האלדז און געקוקט אן איבער־געשראקענער אויף איר פארבלייכט געזיבט און שטארן בליק. א סווישטשענדיקער אטעם האט זיך ענדליך דורכגעריסן דורך איר פארשטיקטער קעהל און א ראזע פארב האט באדעקט אירע באקן. זי האט אנגערירט דעם האלדז און זיך פארקרומט פון ווייטיק. אין אירע אויגן האט אויפגעשיינט א וואכזאם פלעמל... ער האט זיך אפגערוקט און זי איז פאמעלעך ארויס פון בעט. זי האט ארויסגענומען פון זיין האנד דעם פארטרעט, אים אויגעהאנגען און מעכאניש א גלעט געטאן איבערן גלאז. זי איז צוגעגאנגען צום עמער אין ווינקל, גענומען א טרונק וואסער. יאן איז געליגן פארשעמט פון דעם וואס עס איז נאר־וואס פארגעקומען צווישן זיי. ער האט מיט פרייד דערזען ווי זי קערט זיך אום צוריק צו אים. אין א צופלוס פון גרויסמוטיקייט האט ער אויפגעהויבן דעם שלייער.

— פארשטעל אים — האט ער געזאגט.

— ניין, זאל ער זען...

זיין הארץ האט זיגעריש א קלאפ געטאן. „אט איצט — האט ער געטראכט — ווען איך אליין האב איר פארגעלייגט אים צו פארשטעלן און זי וויל אז ער זאל זען, אט איצט ערשט איז זי באמת מיינע“.

אין לאנג העמד, דורך וועלכן ס׳האט זיך בולט געצייכנט איר געשטאלט, איז זי געגאנגען צו אים טריט ביי טריט, ווי פארטיפט אין א לונאטישן שלאף.

זי איז צו צום בעט, יאָן האָט איר אָנטקעגן אויסגעשטרעקט די אָרעמס, זי האָט זיי אָבער אויסגעמיטן, זיך אָנגעבויגן, דערנענטערט איר מויל — — און אַ שפּיי געטאָן אים אין פּנים.

## י. ריכטיגער

## די ליבעס און אַוואַנטורעס פון שמשון הגבור *

לכבוד די עזה גבורים פון אונזער עפּאָכע

אין שטעדטל צרעה איז געווען אַ מאַן,
וואָס האָט געשטאַמט פון שבט דן —
געהייסן האָט ער — מנוח
און געהאַט אַ פאַרשטאָפּטן מוח.
זיין ווייב — „צלעלפּוניטע״ —
איז געווען אַן אידעלע און אַ גוטע:
הונגעריקע און מידע וועג־גייער,
האָט זי געגעבן עסן און אַ געלעגער.

די שכנים, אָבער, האָבן פון איר חוזק געמאַכט
ווייל פאַרשלאָסן איז געווען איר טראַכט.
ערשט ווען די ליבע־יאָרן זענען פאַרגאַנגען
און מנוח האָט אָנגעהויבן אַ יורש פאַרלאַנגען,
האָט זי אַ פאַרצאַגטע, אַז ער וועט איר גט׳ן,
טאָג און נאַכט גענומען אויף אַ קינד בעטן
ביז מען האָט אין הימל איר תפילה צוגעהערט
און איר צוגעשיקט — וואָס זי האָט באַגערט...

געקומען איז אַן אורח צו איר אין געצעלט —
אַ מלאך! האָט אים — איר פאַנטאַזיע פאַרגעשטעלט:
פעסט איז זיין גוף געווען, ווי פעלזשטיין,
פון זיין פּנים האָט געבלענדט — זונשיין,
ווי זיסע מוזיק האָט זיין קול געקלינגען,
זיינע שטראַלענדע אויגן האָבן איר באַצווינגען:
אַ הייסן שטראָם האָט זי אין איר קערפּער געפילט
און אַ פרעמד פייער האָט אירע גלידער צעגליעט...

ווי אין חלום האָט זי אים געהערט זאָגן:
ביסט קיין עקרה מער! וועסט אַ קינד אויסטראָגן!
— ניט טרינקען זאָלסטו איצט ביער אָדער ווייַן,
אויך ניט עסן אַלעס וואָס איז אומריין:
און דעם זון, וואָס וועט פון דיר געבוירן ווערן,
זאָלסטו ניט־די האָר פון זיין קאָפּ אָפּשערן —
פון זיין מוטערס־בויך זאָל ער אַ נזיר בלייבן:
העלפן ישראל פון די פלשתים וועט ער אָנהייבן.

---

* אַ פאַרטייטשונג פון קאַפּיטל אין שופטים און די מאמר חז״ל אַרום דער מעשה־שמשון הגבור.



ווען דער אורח האָט פאַרלאָזט איר געצעלט,
איז זי גיך געלאָפן צו איר מאַן אין פעלד
און מיט אַ ציטערדיקע שטימע אים דערציילט:
אַ געטליכער מאַן האָט ביי מיר געווײַלט —
זער פאַרכטיק איז זיין געשטאַלט געווען,
ווי אַ מלאך פון הימל האָט ער אויסגעזען!
איך ווייס ניט פון וווּ ער איז געקומען
און ער האָט מיר ניט געזאָגט זיין נאָמען!

נאָר געהערט האָב איך — ווי אין חלום באַנאַכט —
ביסט קיין עקרה מער געעפנט איז דיין טראַכט!
אַ זון וועסטו אויסטראָגן און ביזן געבערן —
זאָלסטו ביער און ווייַן ניט פאַרצערן:
אויך ניט עסן אַלעס וואָס איז אומריין,
ווייל אַ נזיר צו גאָט מוז ער זיין,
פון טאָג געשאַפן אין דיין מוטער־בויך,
ביזן טאָג פון זיין לעצטן אָטעם־הויך.

צלעלפּוניטע האָט טאַקע געבוירן אַ זון,
זי האָט אים אַ נאָמען געגעבן „שמשון״ —
אַ פאַרקירצונג פון העברעישן „שמש ומגן״:
אַ זון און פּאַנצער זאָל ער צו ישראל זיין.

אויפגעוואַקסן איז שמשון, ווי אַ צעדער, שלאַנק —
מוסקולירט, מיט אַ גריף פון אַ קוזניע צוואַנג:
לייכט האָבן אים די פיס געטראָגן איבער טאָל און באַרג
און מיט דער פויסט האָט ער, אַן אַקס, צעבראָכן דעם קאַרק.
געווען, דערצו, אַ קינסטלער פון העברעישן וואָרט —
ער האָט פאַרפאַסט פּאָעטישע אַפאָריזמען אויפן אָרט,
וועגן יעדע געשעעניש אין משך פון זיין לעבן,
וואָס זענען וואָרהאַפטיק אין תנ״ך איבערגעגעבן.

אָבער דער גורם פון זיינע ליבעס און אַוואַנטורעס,
איז ניט געווען זיין דיכטונג אָדער זיינע גבורות!

נאָר די אויגן זיינע, וואָס האָבן באַגעריק געבליקט —
מיט זאַנפטע וואַרעמקייט פרויען הערצער דערקוויקט;
דער שטענדיקער שמייכל, אין זיינע באַקן איינגעפּרעסט,
וואָס האָט קושן די רויטע ליפּן געהייצט צו פאַרמעסט;
זיינע מעש־בלאָנדע, זייד גלאַנצעדיקע נזיר־לאָקן,
קרייזלדיק אַראָפּגעהאַנגען פון זיין קאָפּ ווי גלאָקן
און טיול־שלייערדיק זיינע ברייטע אַקסלען באַדעקט,
וואָס האָט תאווה צו גלעטן אין יעדע פרוי דערוועקט...

קלאַנגען האָבן זיך צעשפּרייט פון צרעה ביז אשתאול,
אַז געשיקט איז ער פון אַלמעכטיקן צו העלפן ישראל
אָבער ער האָט ניט פאַר ישראל געפירט זיינע מלחמות,
נאָר כדי זיך נוקם זיין פערזענלעכע נקמות...

איינמאל האט שמשון צום דארף תמנתה שפאצירט
און איז פון א פלשתים מיידל געווארן פארפירט —
„נשיקה“: די קושנדיקע! איז געווען איר נאמען
און די ערשטע פרוי, וואס ער האט ליב באקומען.
אירע קושן האבן צעפלאקערט זיין עראטישע קראפט,
איז ער א היים געקומען פארשיכורט פון ליידנשאפט
און האט ביי זיין פאטער און מוטער אנגעדרינגען,
צו גיין מיט אים קיין תמנתה דעם נדן אויסדינגען.

אויפגערעגטע האבן זיי אים געפרעגט — דאס איז דער טאלק!
ניטא צווישן די טעכטער פון אונזער שבט אדער פאלק —
קיין שיין מיידל, וואס געפעלט דיר, צו ווערן דיין פרוי,
אז דו מוזט נעמען די טאכטער פון אן אומגעמלטן — א גוי?
איך האב ליב דאס מיידל — איז זיין קורצער ענטפער געווען —
אויב איר ווילט מיך ניט באגלייטן, וועל איך אליין גיין!
ניט געוווסט האבן זיי, אז דער שידוך איז פון הימל באשערט,
כדי די פלשתים ממשלה איבער ישראל זאל ווערן צעשטערט.

זעענדיק אז שמשון וועט ניט ענדערן זיין באשלוס,
האבן זיי אים באגלייט קיין תמנתה מיט פארדרוס —
אבער ווען זיי האבן די ווייַנגערטנער דערגרייכט,
האט שמשון פון זיי אומבאמערקט אוועק געשלייכט:
א קורצערן וועג האט ער קיין תמנתה גענומען,
כדי ער זאל וואס גיכער צום מיידל אהין קומען —
דורך א געדיכט באוואקסנעם וואלד איז ער געגאנגען,
ווו נאר יעגער, אין מחנות, גיין חיות פאנגען.

ער האט ניט געפילט אז אנזעקטן זיין פנים בייסן
און שארפע דערנער דאס פלייש פון זיינע פיס רייסן —
געקלינגען האט אין זיינע אויערן דאס פויגל געזאנג,
ווי א ווידערקול פון זיין מיידלס געלעכטער קלאנג
און געשמעקט האט דער אראמאט פון די וואלד בלומען,
ווי איר קערפער דופט, ווען זי האט אים ארומגענומען;
אזוי האט דער געדאנק פון מיידלס האלדזן און קושן,
צעשטערט אין אים די ריינע געפילן פון זיינע חושים.

געטריבן פון דעם אויפגעברויזטן עראטישן געדאנק,
איז ער געלאפן איבערן אויסגעטרעטנעם דורכגאנג
און האט ניט באמערקט די לויערנדע בליקן — —
פון א ווילדע חיה, וואס וויל אים פארצוקן...

איבערגעריסן זיינע רעיונות האט א הילכיקער געבריל!
ער האט זיך ארומגעקוקט און איז געבליבן שטיין שטיל —
דערזען האט ער א לייב באלעקט די ליפן מיט דער צונג
און גרייט זיך צו מאכן אויף אים דעם לעצטן שפרונג —
בליצשנעל האט שמשון זיין לינקע קני איינגעבויגן
און זיינע הענט אין לייבס ריכטונג אויסגעצויגן —
דעם שפרונג פון לייב אין דער לופטן צו ברעכן,
ער זאל די שפיציקע נעגל אין אים ניט שטעכן.



מיט א געברום איז דער לייב אויפגעשפרונגען,
ווארפן זיך אויף שמשון'ן איז אים ניט געלונגען — —
שמשון'ס אויסגעשטרעקטע הענט האבן די לאפעס אנגעכאפט
און מיט א שטויס פון זיין קאפ דאס אפנע פיסק צוגעקלאפט:
די לאפעס האט ער אויסגעבראכן פון לייבס אקסלביין — —
מיט דעם שטויס צעשמעטערט זיין צונג און זיינע ציין
און ווען בלוט האט זיך גענומען פון לייב גיסן,
האט אים שמשון, ווי א ציקעלע, אין שטיקער צעריסן...

שמשון האט זיינע עלטערן אין תמנתה געטראפן — —
זיי ניט דערציילט — וואס אויפן וועג איז פארלאפן
און נאכן מאכן מיט דעם מיידלס עלטערן א ווארט,
האבן זיי זיך אומגעקערט צו זייער לאנד און ארט.

ווען די עלטערן האבן שמשון'ן צו דער חתונה באגלייט,
האט ער זיך ווידער, ביי די ווייַנגערטנער, אוועק געדרייט — —
דעם צעריסנעם לייב איז ער געגאנגען אין וואלד אויפזוכן
און געפונען האניק אין לייבס בעקן, מיט בינען ארומקריכן.
פון לייבס בעקן, האט ער פולע הענט האניק אנגענומען
און געלעקט ביז ער איז צו זיינע עלטערן צוריק געקומען — —
דעם איבעריקן האניק האט ער זיי געגעבן צו לעקן
און ניט געזאגט: אז עס קומט פון א טויטן לייבס בעקן.

די עלטערן האבן אים צו דער כלה'ס הויז באגלייט
און די שפייז פאר דער חתונה מאלצייט צוגעגרייט,
ווייל אין פלשתים לאנד איז געווען איינגעפירט — —
אז דער חת'ן עלטערן האבן די מאלצייט פינאנצירט.
די כלה'ס עלטערן האבן פארבעטן דרייסיק יונגעלייט,
זיי זאלן דעם חתן משמח זיין־די שבע ברכות צייט — —
האבן זיי אים פארוויילט מיט כל ערליי אטראקציעס,
מיט פיזישע אקראבאטיקס און גייסטיקע ספעקולאציעס.

אין ספארט איז שמשון ניט געווען אונטערשטעליק,
ער האט, אבער, אויך א רעטעניש זיי געפרעגט צופעליק — —
וואס עס מיינט — שפייז איז ארויסגעקומען פון עסער
און פון שטארקן איז ארויסגעגאנגען א זיסער?
צוגעזאגט האט ער יעדן א ליינען טוך און א קלייד,
אז זיי וועלן וויסן אויף דעם רעטעניש א באשייד — —
אדער יעדער זאל אים דאס געבן, אויב אין זיבן טעג,
וועלן זיי ניט האבן אויפן רעטעניש אן אויסלייג.

ניט האבנדיק דריי טעג, קיין ענטפער אויפן געוועט,
זענען זיי געגאנגען צו נשיקה און איר געסטראשעט — —
אויב זי וועט זיי ניט מיט דעם ענטפער באקענען,
וועלן זיי איר מיט דער גאנצער משפחה פארברענען.
האט נשיקה טאג און נאכט געוויינט און געקלאגט — —
האסט מיך פיינט, ניט ליב! האט זי צו אים געזאגט — —
דו האסט באהאלטן דעם רעטעניש און באשייד פון מיר,
אזוי ווי איך וואלט געווען א פרעמדע צו דיר!

שמשון האט געטענה׳ט — איך קאן דיר ניט אנטפלעקן,
וואס איך האב ניט געוואלט מיינע עלטערן אנטדעקן!
האט זי אים ניט צוגעלאזט צו זיך — מיט איר צו לעבן,
ביז ער האט איר, אין זיבעטן טאג, אלעס איבערגעגעבן.

האט נשיקה צו די דרייסיק יונגעלייט זיך געאיילט
און זיי וועגן דער געשעעניש אין וואלד דערציילט
האבן זיי דערקלערט — פארן פארגיין פון די זונשייב —
וואס איז זיסער פון האניק און שטארקער פון לייב!
האט שמשון געזאגט — איינהאלטנדיק דעם כעס מיט מי — —
„לולא חרשתם בעגלתי, לא מצאתם חידתי״:
אז איר וואלט ניט מיין קעלבל געדראעט מיט טויט,
וואלט איר קיינמאל ניט אויסגעפונען דעם סוד...

איז שמשון געלאפן קיין אשקלון צום פלשתים פארט,
ווו אלערליי פארווײלונג פאר מאטראזן זענען דארט
און האט זיך פארדינגען אין א צירק אלץ אן אטלעט,
כדי צו געווינען די קליידער פארן פארלוירנעם געוועט.
האט מען אויסגעפויקט אין אלע גאסן פון דער שטאדט — —
אנגעקומען פון זער ווייטע מקומות איז היינט גראד,
דער שטארקסטער און געשיקסטער אטלעט אין דער וועלט
און ער קעמפט מיט יעדן פאר קליידער, ניט אויף געלט.

זענען אלע גבורים און פרייזפעכטער צונויפגעלאפן
און ווען דרייסיק געפאלן, פון זיין פויסט געטראפן,
האט ער זיך מיט קיינעם ניט מער געוואלט שלאגן — —
גענומען די קליידער און קיין תמנתה אוועקגעטראגן.
דער נאך האט ער נשיקה פארלאזט א גרימיקער פון צארן —
און זי איז די געליבטע פון אן אנדערן געווארן — —
וועגן איר נייעם באנעמען האט ער ניט געוווסט
און צוריק קערן צו איר האט ער שטענדיק געגלוסט...

שבועות צייט, ווען דער ווייצנשניט האט אנגעפאנגען,
איז שמשון מיט א ציקעלע־מתנה צו נשיקה געגאנגען,
אבער פאר איר הויז געטראפן איר פאטער שטיין
און ניט געלאזט אים אין איר שטוב אריינגיין.
ער האט געזאגט — געמיינט האב איך דו האסט איר פיינד,
האב איך איר דערלויבט צו גיין לעבן מיט א פריינד — —
איר יונגערע שוועסטער איז דאך בעסער און שענער,
זאל זי איצט ווערן דיין ווייב אנשטאט יענער!...

שמשון האט זיך פון שווערס אנבאט אויסגעלאכט,
וועגן פארבייטן נשיקה האט ער נאך ניט געדאכט;
אבער נוקם זיין אין די פלשתים האט ער באגערט,
ווייל זיי האבן זיין גליקלעך לעבן צעשטערט — —
ניט געוואלט האט ער זיי דערשלאגן צום טויט,
נאר ברענגען אויף זייער לאנד א הונגער נויט — —
פארניכטן זייער שפע פון איילבירטן און קארן,
זיי זאלן זיין אומגליקלעך, ווי ער איז געווארן.



באשלאסן האט ער די תבואה־פעלדער צו אונטערצינדן,
איז ער געגאנגען אין וואלד — געכאפט דריי הונדערט
פוקסן און יעדע צוויי די ווידלען צונויפגעבינדן,
צווישן די צונויפגעבינדענע ווידלען האט ער
פעסטגעמאכט פלאקערס, וואס האבן געברענט,
זענען זיי געלאפן איבער די גערטנער און פעלדער
און אלעס, וואס איז געווען אין זייער וועג, פארלענדט.

הערנדיק, אז דאס האט דער איידעם פון תמנה נקמה גענומען,
ווייל דער שווער האט אים ניט געלאזט צום ווייב צוריקקומען,
האבן די פלשתים אונטערגעצינדן דאס הויז פון תמנה׳ער
און פארברענט אים צוזאמען מיט נשיקה זיין טאכטער אין פייער.
כדי נקמה צו נעמען פאר זיין ווייבס פארשניטענע יארן,
האט שמשון פארענדערט זיין באשלוס — מענטשן צו שפארן;
ער איז באפאלן פלשתים־קאראוואנען, די רייטער דערשלאגן
און צו אן איבערהענג פון פעלז עיטם זיך אפגעטראגן.

ביי די גרעניץ פון שבט דן איז געווען דער פעלז עיטם — —
אין דער לחי געגענט, וואס האט געהערט צום יהודה שטאם;
האבן די פלשתים זיך אנגעהויבן אין לחי צו פארשפרייטן,
כדי שמשון׳ן געפאנגען צו נעמען און שמידן אין קייטן,
אומצופרידן, וואס די פלשתים האבן באזעצט זייער לאנד,
זענען דריי טויזנט יהודה־לייט געקומען צום פעלזראנד
און גערופן צו שמשון — פארוואס האסטו זיך דא באהאלטן — —
ווייסטו דען ניט, אז די פלשתים טוען איבער אונז שאלטן?

זיי האבן געזאגט — אז זיי וועלן ניט פארלאזן דאס לאנד,
ביז מיר וועלן דיך א געבינדענעם געבן אין זייער האנט;
האט שמשון איינגעזען, אז די לייט פון יהודה האבן רעכט
און געבעטן זיי צו שווערן — ניט צו באהאנדלען אים שלעכט.
האבן זיי געשווארן — זיי וועלן אים נאר מיט שטריק בינדן,
ניט פארפייניקן אים צום טויט און אפילו ניט פארוונדן;
האט ער געלאזט הענט און פיס בינדן מיט צוויי נייע שטריק
און זיי האבן אים געבראכט פון פעלזשפיץ קיין לחי צוריק.

ווי נאר די פלשתים האבן שמשון׳ן געזען פון דערווייטן — —
זענען זיי אנטקעגן געלאפן מיט א געשאל פון טראמפייטן;
האט זיך א רוח גבורה פון אלמעכטיקן אין אים דערוועקט
און ער האט די געבינדענע הענט און פיס אויסגעשטרעקט — —
זענען די צוויי נייע שטריק געפלאצט און צעקראכן,
אזויווי פארברענטער פלאקס האבן זיי זיך געבראכן;
ווען ער האט געהאט זיין פרייהייט צוריק געווינען,
האט ער א פייכטן קינבאק פון אן אייזל געפינען — —

בליצשנעל האט ער דעם אייזלס קינבאק אין האנט געכאפט
און מיט איר טויזנט מאן פון די פלשתים ארמיי צעקלאפט;
די איבעריקע זענען מהומהדיק צעלאפן אין אלע זייטן — —
ווען עס איז ניט געווען מער קעגן וועמען צו שטרייטן,
האט ער א מידער געמורמעלט — „בלחי החמור חמור חמרתים״:

מיט א באק פון אייזל האב איך דערהרגט קופעס גוים...
דערנאך האט ער זיך אנידערגעזעצט אין דער גאס אפצורוען,
אוועק געווארפן דעם קינבאק און געקלערט, וואס צו טוען...

זיצנדיק איז ער דארשטיק געווארן און ניט געהאט וואס צו טרינקען,
זענען אים די כוחות אויסגעגאנגען און זיין מוט איז געזונקען — —
האט ער צו גאט גערופן — — ווילסטו איך זאל נאך דער ישועה פארגיין
און טויטערהייט פאלן אין די ערלים׳ס הענט אריין?...
האט ער פלוצים דערזען — — ווו די קינבאק ליגט איז די ערד נאסער,
ווייל פון איר שטייסל טריפט א פליסיקייט אזוי ווי וואסער — —
האט ער די קינבאק צו זיינע ליפן גענומען און איר אויסגעזויגן,
איז זיין שוואכקייט פארשווינדן און די מוטלאזיקייט פארפלויגן.

האבן די איינוווינער פון לחי אנגערופן־עין הקורא־דאס ארט,
ווייל א קוואל האט דער פארחלשטער שמשון אויסגעבעטן דארט
און געבליבן איז דער נאמען־עין הקורא־א סך טעג און יארן — —
ביז די געשיכטע פון שמשון הגבור איז פארשריבן געווארן...
נאך דער געשעעניש עין לחי האט שמשון געבראכט שלום אומעטום —
די פלשתים האבן מורא געהאט אנצופאלן אויף די שבטים פון ארום
און צוואנציק יאר איז ער געווען שופט איבערן פאלק ישראל — —
ער האט אויסגעגליכן די סיכסוכים פון יחידים און פון קהל.

א לאנגע צייט האט שמשון געטרויערט נאך נשיקה־זיין ווייב,
צו קיין אנדערע פרוי האט ער ניט אויפגעדעקט זיין לייב — —
אבער ווען עס זענען פארביי געגאנגען א צענדליקע יארן,
און איר געשטאלט איז פארשווינדן פון זיין זכרון...
האט ער, קומענדיק אין דער פלשתים שטאדט עזתה, געזען א זונה — —
א פרוי וואס פארקויפט מאלצייטן און זיך צו יעדן קונה —
און באשלאסן צו בלייבן איבער נאכט אין איר גאסטהויז,
כדי צו פארברענגען די צייט מיט פארגעניגן אין איר שויס...

דערווייל האבן די עזתה׳ר געהערט, אז שמשון איז אין שטאדט!
האבן זיי פארשלאסן די טויערן און אויף אים געלויערט — —
געווארט אויף אים אין די גאסן ביז עס וועט טאג ווערן,
כדי צו דערהרגענען אים אין גאס ווען ער וועט אהיים קערן...
ווייל נאך פון סדום׳ס צייטן האט קיינער ניט געהאט רעכט,
צו הרגענען אימיצן אין א גאסטהויז אדער באהאנדלען שלעכט.
שמשון האט זיך דערוווסט, אז זיי ווילן אים צומארגן קריגן — —
האט ער פארלאזט אין מיטן נאכט דאס הויז פון פארגעניגן — —
אין דער פינצטער איז ער געקומען צו די געשלאסנע טויערן,
האט זיי מיט די ביישטידלען אויסגעריסן פון די מויערן
און אוועק געטראגן אויף זיין ברייטן קארק,
ביז צום שפיץ פון חברון בארג...

ווידער זענען א צענדליק יארן פארביי געגאנגען,
ביז שמשון האט אן אוואנטורע מיט א פרוי אנגעפאנגען — —
בעתן באדן זיך אין טייך שורק, האט ער ליב באקומען — —
א פרוי, וואס דלילה איז געווען איר נאמען.
זי, האט ניט געהאט פאר אים קיין צערטלעך געפיל — —



צו פארדינען געלט איז געווען איר איינציקער ציל
און ער, האט זיך צו איר איבערגעגעבן,
צו צעשטרייען זיין פאראומערטן לעבן...

זענען צו איר אויפגעגאנגען די פלשתים הערן
און געזאגט — זע! ער זאל דיר דערקלערן — —
פון ווו זיין שטארקער כח האט זיך גענומען
און ווי אזוי מען קאן אים בייקומען?
ווי אזוי מען קאן אים בינדן אומגעשטערט
און פייניקן אים, ווי אונזער הארץ באגערט?
אויב דו וועסט אונז ברענגען דעם ריכטיקן באשייד צוריק,
וועט יעדער פון אונז דיר געבן עלף הונדערט זילבער שטיק.

דלילה האט אנגענומען זייער אנבאט,
פאר ארויסקריגן פון שמשונ׳ן דעם סוד — —
און זי האט אים ניט מיט אנשטעל אנגערעגט,
צו זאגן איר דעם סוד, נאר אפן אים געפרעגט — —
וועגן מקור פון זיין כח און אופן אים צו בינדן,
מען זאל קיין מורא האבן אים צו שלאגן און פארוונדן?
שמשון האט פארשטאנען, אז די פלשתים ווילן דאס וויסן,
האט ער איר אפגענארט, כדי לענגער פון איר צו געניסן.

ער האט איר געזאגט — בינד מיך מיט זיבן בויגנשטריק נאסע,
וועל איך שוואך ווערן, ווי יעדער פון דער פאלקס־מאסע:
האבן איר די פלשתים זיבן נאסע בויגנשטריק געגעבן,
און געווארט זי זאל אים בינדן אין א שטוב דערנעבן.
ליגנדיק מיט געבינדנע הענט און פיס אויף איר שויס,
האט זי געשריגן — שמשון! פלשתים זענען אין הויז,
האט ער פון זיינע הענט און פיס אין אן אויגנבליק,
ווי פלאקסשטרוי, וואס שמעקט פייער, צעריסן די שטריק.

האט דלילה צו אים געזאגט — דו האסט מיך אויסגעלאכט,
מיט דיינע ליגנערישע רייד האסטו מיך צונארן געמאכט;
איצט דערקלער מיר — מיט וואס מען קאן דיך בינדן,
אז דיין אויסטערלישע גבורה זאל פארשווינדן?
ער האט אבער איר דעם סוד נאך ניט געוואלט דערקלערן,
ווייל זי האט דערווייל געזעטיקט אל זיינע באגערן
און אזוי ווי זי האט אים גענודיעט און געפלאגט,
האט ער איר ווידער אן אנדערן ליגן געזאגט — —

בינד מיך מיט שטריק וואס זענען שפיגל־ניי — —
ניט גענוצטע — ערשט געקומען פון דער שמוקלעריי,
וועט מיין גאנצער קערפער ווערן אפגעשלאפט — —
גלייך צו יעדן מענטש וועט זיין מיין קראפט.
האט דלילה אים געבינדן מיט פונק־נייע שטריק
און אויסגערופן — שמשון! די פלשתים זענען צוריק,
האט ער זיינע הענט און פיס אויסגעשפרייט
און די שטריק צעריסן, ווי פאדים וואס מען נייט.

האט דלילה שמשונ׳ס בלאנדע לאקן געגלעט
און געטענהט — ליגנס האסטו מיר איינגערעדט,
אבער אפילו צו שפעטן פון איינעם האט א שיעור — —
דעריבער, מיט וואס מען זאל דיך בינדן — זאג מיר?
צו אנטפלעקן איר האט שמשון זיך ניט געאיילט,
ווייל זי האט אים נאך אלץ זער גוט פארוויילט — —
האט ער פאר איר א פריש געבאקנע ליגנט צוגעגרייט,
כדי צו געניסן דערווייל פון איר פרוילעכקייט.

גראד איז איר וועבגעצייג געשטאנען דערנעבן,
האט ער איר געזאגט — אז דו וועסט איינוועבן,
די זיבן פלעכטן האר פון מיין קאפ ווי א שפול
אין דער קעטע, וואס איז אויף דיין וועבשטול.
האט זי איינגעוועבט זיינע געפלאכטענע לאקן,
זיי פעסטגעקלאפט אין געוועב מיטן וועבערפלאקן
און גערופן — פלשתים! איז ער פון שלאף אויפגעוואכט,
האט צעטרייסעלט דעם וועבשטול און די האר פריי געמאכט.

אן אויפגערעגט האט זי צו אים געשריגן — —
זאגסט דו האסט מיך ליב, וואס איז א ליגן!
שוין דריי מאל האסטו אנגעשטאפט מיין מוח,
מיט פאלשקייטן וועגן אפשוואכן דיין כח...
האט זי פארביטערט זיין לעבן טאג איין טאג אויס,
ביז מיאוס געווארן איז אים איר געניסלעכע שויס
און פטור צו ווערן פון זיין מאטערניש און נויט,
איז אים איצט שוין ניחא געוועזן אפילו דער טויט.

האט ער באשלאסן, דאס מאל — דעם אמת איר צו זאגן,
כדי זי זאל אים אויפהערן צו פייניקן און פלאגן —
אדער אפשר, געהאפט, זי וועט אים באהאנדלען בעסער,
און געזאגט — אויף מיין קאפ איז ניט געווען א שערמעסער
ווייל א נזיר צו גאט בין איך זינט מיין מוטערס־בויך —
אז מען וועט אפשערן מיינע האר וועל איך פארלירן דעם כח.
גלויבנדיק, אז דאס מאל האט שמשון זיין הארץ אויפגעדעקט,
האט זי די פלשתים צו וויסן געגעבן — אלעס איז אנטפלעקט!

זענען די פלשתים־הערן געקומען אין איר הויז צוריק
און יעדער האט מיטגעבראכט עלף הונדערט זילבערשטיק —
האט זי שמשונ׳ן איינגעשלעפערט און גערופן א פריזור,
האט ער אפגעשוירן פון זיין קאפ די זיבן פלעכטן האר;
ניט אויפגעוואכט איז ער פון שלאף כאטש זי האט געמאכט א טומל,
נאר איר רופן — די פלשתים זענען דא! האט אים דערוועקט פון דרומל;
געטראכט האט ער — ווי שטענדיק וועט זייער פלאן ווערן צעשטערט —
ניט וויסנדיק, אז דער גייסט פון גאט האט זיך פון אים אפגעקערט.

האבן די פלשתים אים געפאנגען און זיינע אויגן אויסגעשטאכן — —
געבראכט קיין עזתה, ווו ער האט אמאל די טויערן איינגעבראכן;
זיי האבן אים דארט אין תפיסה געשמידט מיט א קופערנע קייט
און ווי א פערד האט ער דאס ראד פון דער שטאדט־מיל געדרייט — —



דערווייל האבן פרישע האר אנגעהויבן זיין גאלן קאפ באדעקן
און אין צייט וואלטן נייע כוחות געקומען אין אים דערוועקן;
אבער די פלשתים הערן האבן באשלאסן א חגא צו פייערן — —
מקריב זיין קרבנות צו דגון: דעם תבואה גאט זייערן...

דאנקן אים, ווייל ער האט איבערגעגעבן אין זייער האנט,
דעם גבור שמשון — דעם שטארקסטן שונא פון זייער לאנד;
צו פייערן די חגא, כדי זייער גאט דגון זאל זיי בענטשן,
זענען געקומען אין טעמפל צענדליקע טויזנטער מענטשן — —
נאקעטע פריסטער האבן געגעבן די פארזאמעלטע פלייש און וויין,
נאקעטע פריסטערינס האבן געטאנצט און געזונגען אין רעפריין — —
דער עולם האט געפרעסן, געזאפן, געהוליעט
און אין אומצוכטיקן גענוס זיך געטוליעט...

האט זיך געהערט, פון ווילדן טומל און אויסגעלאסענעם לאכן— —
שיכורע קולות — זאל שמשון קומען אונז פריילעכער צו מאכן!
האט מען אים א געשמידטן פון מילראד אין טעמפל געבראכט
און ער האט זיי מיט אלערליי אטלעטישע קונצן לוסטיק געמאכט.
אבער די פלשתים פרויען מיט זייער אויסגעלאסענער לוסט,
האבן זיך גענומען קלאמערן צו זיין ברייטער ברוסט — —
ווי פיאווקעס זיין קראפט אין זיך איינגעזויגן — —
די לעצטע כוחות זיינע פון אים ארויסגעצויגן...

א מידעקייט האט ער אין זיינע מוסקולירטע אברים געפילט
און צום ערשטן מאל האט אן עקל זיין תאווה אפגעקילט...
מיט שוידער האט ער אפגעשטיפט די פרויען פון שאנד
און געזאגט צום וועכטער, וואס געהאלטן זיין האנט:
לאז מיך אנלענען אין די שטיצזיילן פון דעם הויז,
ווייל איך פיל חלשותדיק־די כוחות גיין מיר אויס;
שמשון האט די צוויי זיילן, וואס נעבן אים, געגריפן
און מיט שעפטשענדיקע ליפן האט ער צו גאט גערופן:
אלמעכטיקער! איך בעט דיך — שטארק מיך נאך דאס מאל!
נקמה צו נעמען פאר מיינע אויגן פון פלשתים קהל.

געפילט האט ער־נייע כוחות ווערן אים צוגעווענדט,
ווען ער האט רעכטס און לינקס אנגעשפארט די הענט
און די מוסקולירטע ארעמס מיט גבורה אויסגעצויגן,
ביז די זיילן האבן זיך אויסגעקרימט ווי א בויגן.
יאכצנדיק האט ער געשריגן — תמת נפשי עם פלשתים״!
און די צעבראכענע זיילן זענען געפאלן ארום אים — —
יללות פון צעקאליטשעטע און דער איינבראך געטומל,
האבן זיך מיט א שטויב־וואלקן געהויבן צום הימל.

און באלד איז געקומען א לעצטער דונערדיקער קראך!
איינגעפאלן זענען מויערן, און גאלעריע מיטן דאך — —
שטיקער מויער האבן די טעמפל פארוואונדעטע צעדריקט
און געפאלענע פון גאלעריע האט דער דאך דערשטיקט; —
יללה, געקראך און שטויב־וואלקן זענען פארשווינדן,
אוועק געטראגן געווארן אין חלל דורך די ווינדן — —

אזוי איז די אויסגעלאָסענע שטאָדט עזתה געשטאָרבן,
ניט איבערלאָזנדיק קיינעם צו באַוויינען איר חורבן . . .

די צאָל פלשתים פאַרניכטעט בעת זיין לעצטער נקמה,
איז געווען מער, ווי אין גאַנצן לעבן פירן מלחמה;
אַז צוואַנציק יאָר נאָך אים איז ישראל געווען פריי,
ביז אַ פלשתים דור איז אויפגעוואַקסן אויפסניי . . .
דעם געפאַלענעם שמשון הגבור — דער תנ״כשער ריז —
וואָס האָט קיינמאָל ניט באַנוצט אַ שווערד און שפּיז,
האָבן זיין שבט און משפּחה געבראַכט צו קבר ישראל,
נעבן קבר פון פאָטער — צווישן צרעה און אשתאול . . .

דערמיט האָבן זיך שמשון הגבור׳ס ליבעס און אַוואַנטורעס געענדיקט
און זיי זענען געבליבן פאַראייביקט מיט זיין נאָמען אויף שטענדיק,
ווייל ער האָט מיט זיינע פּערזענלעכע נקמות צום פאָלק ישראל געגעבן—
פירציק יאָר שלום, צו אַנטוויקלען אין ירושה לאַנד אַן אייגנעם לעבן . . .

ש.

## בראשית — אין אָנהייב

(המשך פון קאַפּיטל)

3

וויפל זיך נישט אָנגעלייענט, אויסדיסקוטירט און אידעאַליניש באַוואוסטגעוואָרן, אַז קיין אַנדערער ערלעכערער, מענטשלעכער און יידישער וועג איז נישט פאַראַן ווי פּראָדוקטיוו זיין — אַז „בזיעת אפך״ איז נישט קיין קללה פון גאָט, נאָר אַ ברכה פאַרן שעפערישן מענטש — אַז פאַרן יידישן פּראָבלעם, סיי פאַרן נאַציאָנאַל־דערנידעריקטן און סיי פאַרן פיזיש־דעגענערירטן, איז קיין אַנדערע תשובה נישטאָ ווי דער צוריקקער צו דער ערד — צו דער מאַמע ערד! וועסטו צוריקקערן צו איר מיט ליבשאַפט, וועט זי דיך אויפנעמען ווי אירס אַ קינד; וועסטו בייגן דיין רוקן פאַר איר, זי באַאַרבעטנדיק מיטן שווייס פון דיין פּנים, וועט זי אויסגלייכן דיין קרומען רוקן, וועט זי דיך אויספאָרמען צום שטאַרקן און אויסגעגליכענעם מענטש, צום שטאָלצן יידן, ווידער צו באַקומען אַ פּנים פאַר דער וועלט און טראָגן אויף דיר דעם צלם אלקים — —

יאָ, דאָס אַלץ וויסנדיק און גלויבנדיק דערין מיטן פולן באַוואוסטזיין, אָבער אַז אַ ייד קומט אויף אַ יאַריד, אויף אַ מאַרק, אויף אַ טאַרג, איז ער ווי דער וואָלף, וואָס קומט צוריק אין וואַלד אַריין, ווי אַ געפאַנגענער פיש, וואָס רייסט זיך אָפּ פון דער ווענדטקע; ער קריגט צוריק זיין נאַטירלעכן רוח־חיים, די נאָזלעכער צעשפּרייטן זיך אים, די פלוספעדערן באַוועגן זיך, ער שעפּט פרישן אָטעם, שנאַפּנדיק פרייע לופט, ער שווימט אין זיין לעבנסוואַסער — ער איז אין זיין עלעמענט!

דער „ויסעו ויחנו״ אין מדבר, דער בסדר אויסגערעכנטער מיט אַזויפיל געשמאַק און טראַפּ איז מסתם אויך געווען אַזאַ מין יאַרמאַרק, אַן אַטפּוס מיט פריש־אויפגעשטעלטע ביידלעך און בודקעס, סטראַגאַנעס אַזעלכע באַהאַנגענע



מיט כלערליי פאַרהאַנגען פון תכלת וארגמן און מיט די וואונדערלעך־אויסגעאַרבעטע פעלן פון עורות תחשים; ווי סכות אויסגעהאַנגענע מיט כל־ערליי אויערריינגלעך, נאָזבענדער און כומזים און וואו מ׳האָט געזשאַבעט און ס׳האָבן געקלונגען די גאָלדענע שקלים — פון הימל איז געגאַנגען דער מן, וואָס איז געלעגן פאַר דער טיר פון יעדן געצעלט און געהאַט טויזנט טעמים, טאַקע כצפיחת בדבש.

ווען מיר זענען אַהיימגעקומען פונם יאַריד צו מאַסטבוימען אין שטוב אַריין, צעיאַכמערטע און אין אַ פריילעכער שטימונג פונם גוטן פדיון אויפן מאַרק, אויף עפּעס אַ פאַרשטאָט אין בערלין, אַנידער געשטעלט די ליידיקע פידלעס און מיט הנאה אָפּגעאָטעמט, האָט מאַסטבוים מיך אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר ליכטיקע אויגן ווי בשעת ער האָט פאַרגעלייענט זיינע געדיכטן: „אפנים כ׳האָב מיך נישט טועה געווען, דו האָסט טאַלאַנט, ווי אַ פיש אין וואַסער ביסטו געשוואומען איבערן טיש מיט די פּאַסאַנען״. „און דאָס צוקלייבן די קאַלירן — די שיקסעס האָבן גאָר אָנגעקוואָלן״! און אַרויסנעמענדיק דאָס געלט פון לייזעכץ און נעמענדיק אויסגלעטן און גלייך לייגן די פּאַפּירלעך — די מאַרקן־מיליאָנען! — מיר געהייסן אויפשטעלן אין קופּקעלעך די קופּערנע און מעשענע מטבעות, האָט אַ שרעק מיך אַרומגעכאַפּט, דערמאָנענדיק מיך: ווען דער טאַטע איז אַהיימגעקומען אַ געפּרוווירענער פונם קוילן־סקלאַד און איידער נאָך ער האָט זיך געשטעלט דאַווענען מעריב, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש אויפשטעלן אַזעלכע קופּקעלעך און דאָס איז געווען זיין גרעסטע הנאה, פאַרגעסנדיק צומאָל, אַז ער האָט אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט געגעסן.

קייגנאיבער מיר, זיצנדיק ביים טיש, איז געהאַנגען אַ שפּיגל. איך האָב מורא געהאַט, אינמיטן סדרן די מטבעות, אויפצוהייבן דעם קאָפּ — דער טאַטע איז מיר די גאַנצע צייט געשטאַנען פאַר די אויגן.

די איינגעפּאַקטע מטבעות־קופּקעלעך זענען געבליבן ליגן אויפן טיש, די פיין־אויסגעגלעטע באַנקנאָטן האָט מאַסטבוים אַריינגעלייגט אין אַ פיינעם לעדערנעם טייסטער מיט אַ זילבערנעם מאָנאָגראַם נ. מ. דעם טייסטער אַריינגעלייגט אין בוזעם־טאַש, און זיין פּנים, בעסער געזאָגט, זיין גרויסער קאָפּ־האָר מיט די געקרייזלטע הערעלעך איינס ביי איינס — וואָס אַ גאַנצן טאָג אויפן מאַרק איז ער געווען צערודערט, צעפּלאָשעט, צעיאַכמערט, צעטאַרעט! — האָט צוריק באַקומען זיין נאַטירלעכן, זיין דיכטעריש־פילאָזאָפישן אויסזען.

„וואָס זאָל איך דיר אָנביטן?״ קוקט ער מיך אָן מיט זיינע גרויסגעוואָרענע, קליין־פאַרזשמורעטע אויגן: „האָט דען דאָס געלט עפּעס נאָך אַ ווערט? מאָרגן האָט דער גאַנצער טייסטער מיט געלט נישט דעם ווערט צומאָל וויפל דער טייסטער קאָסט״ . . . אויסלאָזנדיק מיט אַ ניגון פון מגילת־רות: „וואָס איך וועל עסן, וועסטו עסן; וואו איך וועל שלאָפן, וועסטו שלאָפן . . . און זיך צעשמייכלט: „מיר וועלן קודם גיין עפּעס אָפּעסן״.

אין יידישן רעסטאראן אויפן האגישן מארק, וואו סוחרים זענען אריינגעקומען אפעסן א געשמאקן מיטאג נאך א געלונגענעם מארק, האט עס געקאכט ווי אויף אן אסיפה אין א בית־מדרש. אינם דאמף פון די עסעכצער, אינם ציגארן־רויך האט מען נישט געזעען קיין פנים, נאר דאס ווייסע פארצעלאן און די זילבערנע גאפל־מעסער. עס האט געקלונגען, גערוישט, געזשומט און דער ריח פון די שארפע־מאכלים האט געביסן אין דער נאז.

מ׳האט זיך געלאזט וואוילגיין אין א וואכנדיקן טאג נאך א גוט לייזעכץ. נאכן אוועקפאקן ביליקע בבלען מיט אן איינגעהאקט לעבערל אין ציבל, מיט א גולאזש, מיט פסחדיקע קניידלעך, מיט לאקשן מיט יויך; מ׳האט נאר געברויכט צו האבן די אמתע „לאקשן" ווידער איינצוהאנדלען א פרישע „פארטיע" מיט נייע בבלען...

נאך א געלונגענעם מארק עסט זיך מיט אפעטיט; „כאכילתכם כן עבודתכם"... דא ווייסט מען נישט פון קיין פלייש־באנעס, דא עסט מען לאקשן מיט יויך פאר „לאשקן", און פארן „כשרן" טעפעלע קאווע דא א כפרה די טאסע קאפע מיט „זאנע" „אונטער דען לינדן" אין קאפע־קראנצלער.

מאסטבוים איז מיט מיר דא אהערגעגאנגען צו ריידן מיט מיר מכוח א וויכטיקן ענין. דעם גאנצן וועג אהער האב איך געמערקט, אז ער גרייט זיך וועגן עפעס, נאר ס׳איז שכלדיקער, מסתם, צו ריידן וועגן דעם נאכן אפעסן... איך האב געמיינט, אז אייגנטלעך איז עס מכוח גוסטען... אז עס האנדלט זיך מכוח דעם שמאלץ־גרוב, מכוח דעם קעניג פון די גאליצישע אייער־סוחרים... ער, מאסטבוים, מיט זיין פילאזאפיש־דיכטעריש צעשטראלטן קאפ, האט אבער שוין געמוזט ארויספילן, ביינאכט אין בעט, מיין ווידערווילן ביים וועלן אויפדעקן זאכן, וואס מוזן זיין באהאלטן אין זיך, געשווינט פון פרעמדע בליקן און געווארעמט אין אייגענעם הארץ — מ׳מוז זיי טראגן אונטערן העמד ווי א געפונען קראנק פייגעלע, מ׳מוז עס אפאטעמען מיטן אטעם פון די אייגענע ליפן... און יעדעס פרעמדע ווארט פארשוועכט עס! מאסטבוים האט נישט נאר געשריבן לידער אין דריי שפראכן, אין יידיש, העברעאיש און דייטש, נאר אויך געוואוסט פון א מאמר אין דער גמרא, אז ס׳זענען דא זאכן, וואס ס׳מוז זיין „מגלה טפח ומכסה טפחיים". און נאך דעם זאטן און געשמאקן עסן האט ער אנגעהויבן צו ריידן איבער א גאנץ אנדערן ענין — איבער א סוחרישן ענין, אן ענין, וואס איז נוגע אים גופא, טאקע דעם מסחר פון די „פאסאנען"... און וואס איז טאקע דא דער חילוק — צי ס׳איז געווען זיין טאקט־געפיל צי ווייל דער מסחר פון „פאסאנען" איז אים מער נוגע געווען ווי דער שידוך, ווייל ער גופא איז געווען דער נוגע בדבר — ער האט מיט פרייד דערזעען ווי זיין פארשלאג „דערפריידט מיך ממש" און איך גיי איין אויף אים אן שום דרייעניש, און ער האט באשטעלט נאך צוויי טעפעלעך שווארצע קאווע —

עס האט זיך געהאנדלט, אז איך זאל מיט אים מיטפארן מארגן קיין קאטפוס אויף א מארק. עס איז מער ווי א מארק, עס איז אזא „אטפוס אין



קאטפוס"...

„מאסטבוים, „עס גראמט זיך, א פארטיק ליד „אן אטפוס אין קאטפוס"... געניאל!... וואס האבן מיר אסך צו ריידן, דו ווייסט דאך שוין מיין 'טאלענט' — עס זאלן נאר זיין שיינע שיקסעס אנצומעסטן די פאסאנען"...

מאסטבוים האט געשטראלט. די געקרייזלטע הערלעך האבן זיך אים אויפגעשטעלט און דער צעשטראלטער שטערן און די גרויס־געווארענע אויגן האבן געלויכטן: תורה וגדולה במקום אחד — „אן אטפוס אין קאטפוס": איז עס געווען דער דרייפאכיקער דיכטער, וואס האט זיך גענומען אין אים צו צעשפילן? איז עס „מיין טאלענט" געווען אנצוטון די שיקסעס די פאסאנען, זיי צוצופאסן צו די קאלירן, צו די פיגורן? מאסטבוים האט זיך ערשט צערעדט אויפן ריכטיקן אופן:

„אן אטפוס אין קאטפוס איז נישט קיין מארק אויפן וועדינג, דארטן זענען דא די אמתע 'שפרעוועלדערינס' — קאטפוס איז דער מארק פון די אמען; וועסט זעען קאלירן, פיגורן... מ׳וועט דארט בלייבן אייניקע טעג צוזאם אין איין האטעל און מ׳וועט קאנען אלץ באשמועסן... כ׳מיין דער עיקר וועגן דער נייער מאדערנער דיכטונג. יא, וועגן דיין באזוכן זלמן שניאורן... איך האב שוין דעם אדרעס, פון שמריהו גארעליק".

קוים א שעה פון בערלין, אבער ווי מ׳וואלט אריינגעפאלן אין אן אנדערער וועלט; ווי אן אנדערער ווינט וואלט געבלאזן, אן אפענער, א צפונדיקער. די זעלבע פארקאפטשעטע, הויכע הייזער, רויכנדיקע פאבריק־קוימענס, אבער דער הערבסט־אטעם גייט אזוי נאנט צו דער ערד... ווי א היימישער גרוס פונדערווייטנס... זענען עס די פרויען אינם ליכטיקן טראכט, די „שפרעוועלדערינס", וועגן וועלכע מאסטבוים האט דערמאנט, וואס דרייען זיך דא ארום ווי די נאנעס מיט שטילע, וויגנדיקע טריט פון אונטער די לאנגע היימיש־געפאלדעוועטע ספאדניצעס... און דאס געפלאפל זייערס איז אויך היימיש, מיט א שארפן כארכל און א ווייך זינגל...

שפעטער צווישן די טישלעך, ארום די געצעלטן־סטראגאנעס, האבן זיי זיך געדרייט פארלעכוויז, זויבערע, מיט ליכטיקע לייבער ארויסקוקנדיקע פון די העל־פארביקע בלוזקעלעך, פערלמוטערן־געקנעפלטע, רויט־געשנירלטע... בלוי־פארשלייפלטע, בלומלדיק אויסגעהאפטענע; יונג־לאכנדיקע, הנאהדיק־פלאפלענדיקע... געקוקט מער אויף די קרעמער ווי אויף דער סחורה, נישט ווי קונים, נאר ווי צו פארקויפן, ווי זיי גאר ביטן עפעס אן... מיט א שארפן כארכל, מיט א מין ווייכינקן זינגל, מיט א לאשטשענדיקן, שטילן בליק.

שפעטער, ווען דאס לייזעכץ איז געווארן אביסל שטילער, האב איך מיך גענומען דרייען ארום זיי. קופקעלעך־ווייז זענען זיי דעמלט געשטאנען. זייער ברייט געפלאפל עפעס אזא היימישס, באקאנטע ווערטער, כארכלדיקע, צעבראכענע... אט הער איך א היימיש ווארט... א רוסישס? א פוילישס? אן אוקראינישס? און אויך דאס אויסזעען זייערס — אזוי וואונדערלעך, אזוי

אנדערש: ווי יונג און שלאנק, אבער ברייט־בייניק און צעווירן; פון די בלוזקעלעך ארויס סטארטשען שטיקער לייב, מילכיק־פליישיק, עס שמעקט מיט איבערגעזויערנס... און די האר, נישט ווייצן־בלאנד, נאר קארנדיק זילבער־גרוי... ווי פריש־געוואשענער פלאקס — אנשטאט גאלדענע קרייזלעך אין די האר, קאלירטע סטענגעלעך אין די גלאנציק־גלאטע, לאנגע צעפ.

טרעפסטו איינע אן, איז זי א שטילע, א שעפטשענדיקע און לאזט די אויגן אראפ און זעט אינגאנצן אויס ווי א סוד, און שטייען זיי אין א קופקעלע צוזאם, רוישן זיי צעפלאשעטע ווי זיי וואלטן אים פארשרייען, דעם סוד...

ביינאכט אין האטעל האט מען שוין געזעען זיצן אזא איינע אין איר טראכט א פריילעך־צעפלאפלטע מיט איינעם פון די מארק־סוחרים ביי א טישל עסן וועטשערע. א צווייטע איז געשטאנען ביים בופעט מיט איינעם און געטרונקען א קופעל ביר און פארהאנדלט מכוח עפעס סודותדיקס...

מאסטבוים האט מיר געפרואווט צו דערקלערן: „דאס זענען די שפרעוועלדערינען, זיי וואוינען דא ארום שפרע־וואלד. די מענער גייען ארבעטן אין די שפינערייען, אין די פאפיר־פאבריקן דא און זיי גייען אין שטאט אריין ווי אמען. זיי מענטשלען זיך אויס אין דער גרויסער שטאט, אין די בעסערע הייזער... די מענער זייערע זענען געבליבן א צוריקגעשטאנענע אומה — ׳טשארנע ראבאטשי׳...

מאסטבוים שאקלט זיך אפ פונם מארק ווי אן אפגעגאסענער הונט פון א פאמעשאף; דער קאפ־האר צעוואקסט זיך, די הערעלעך נעמען זיך קרייזלען און לייכטן — ער ווערט דיכטעריש־פילאזאפיש. ער באשטעלט צוויי גלעזער ביר. ער איז זיך מתעסק א פארטראכטער מיטן שיימל און נעמט ווייטער דערקלערן ווי א פראפעסאר, ווי אן אנטדעקער: „פארשטייסט, איך קען אביסל טשעכיש, רוטעניש. די מענער העלפן מיר טיילמאל ווי מארקהעלפער, ווי טרעגער און די מיידלעך ווי פארקויפערינס... היינט האב איך דיך מיטגענומען. אזוי טשעפעט זיך צו אזא שפרעוועלדערין. נו, מ׳איז דאך נאר א מאן... און מיט זיי איז מען זיכערער"... שמייכלט ער: „אי אויפן מארק ביים פארקויף טיש אים אין האטעל אין..."

מאסטבוים האט נאכאמאל ארויסגערעדט דאס ווארט „פארשטייסט", אבער מיט א גאנץ אנדערן טראפ. שוין ווידער מיטן פילאזאפישן טאן, אנטדעקעריש, אויפקלעריש:

„פארשטייסט, אמאל איז דא די גאנצע געגנט געווען א סלאווישע; שקלאפן־שבטים האבן דא געוואוינט ביז פאמערן, ביז שלעזיען. דאס איז נאך געווען פארן קעניג יאגעלאס צייטן". ער וויל ווייטער ציען זיין „לעקציע", נאר אויף דער שוועל באווייזט זיך שיע מיט אן אויסגעפוצטער פרויליין אונטערן ארעם. ער קומט צו צו אונזער טישל.

איך דערפריי מיך מיט אים. מאסטבוים וויל טאפן דעם דופק, ווי דער מארק איז ביי אים אויסגעפאלן, נאר שיע וויל בעסער אריבער אויף אן אנדערער טעמע:



„איך הער דאך, אז דו האלטסט ביי דיי באליבטן קעניג יאגעלא און וועסט באלד אריבער צו דיין ליבן ׳פראים יאסל׳ און וועסט אים פארטשאקען א קאפ מיט דיינע עלעגיעס איבער דיין פארלוירענעם קייזערטום".

שיע האט א קוק געטון אויף זיין פרויליין. „מיר גייען אין קינאמאטאגראף, אבער א צען מינוטן האב איך דאך נאך, וועל איך אויף איין פוס אונזער פריינט דערקלערן וואס ער וויל מסתם וויסן: די גאנצע געגנט איז דא אמאל געווען סלאוויש. כמעט אלע דערפער אין מעקלענבורג האבן נאך פוילישע נעמען. בערלין אליין הייסט גאר בערליין, דער קליינער בער — דער גרויסער בער דאס זענען די גרויסע סלאווען, די מאסקאוויטן! ווען נישט די מלחמה איצט, וואלט נאך „אונזער קראקע" געווען עסטרייך. מיט דיין פראיב יאסלען זענען מיר פארטיק... אבער מיין נישט מיר זענען נאך נישט פארטיק... דאס סלאווישע בלוט איז קאכעדיק, קוקט ער כלומרשט איראניש אן מאסטבוימען...

„אונזערע היימישע פוילישע וועלדער דא האבן זיי אויסגעהאקט און די פאפיר־פאבריקן אין קאטפוס מאכן ציטונגס־פאפיר פארן ׳בערלינער טאגעבלאט,׳ איבערגעלאזן פון אים אויף ׳שווינונג׳ אפאר קילאמעטער צו גיין אויף יאגד — א וועט מען דא נאך שיסן, נישט פון יאגד־ביקסן, נאר פון הארמאטן"... שיע האט א קוק געטון אויפן פרויליין, זי א כאפ געטון אונטערן ארעם: „אנטשולדיק, כהאב זי גארנישט פארגעשטעלט. דאס איז מיין קאזאק, מיין אשת־חיל היינט אויפן מארק"...

מאסטבוים איז געבליבן זיצן ווי אפגעשמיסן. דער ׳מיין קאזאק׳, ׳מיין אשת חיל׳ אויפן היינטיקן מארק האט אים אנידערגעלייגט אינגאנצן — פריטשמעליעט! דער שיע האט שוין היינט געהאט דאס אמתדיקע זשאבן... און היינט ביינאכט... זיין קאפ איז ווי קלענער געווארן, די אויגן האבן זיך אים צוריק פארזשמורעט. ער האט זיך באלעקט די ליפן איידער ער האט ווידער אנגעהויבן צו ריידן, ווי א הונט וואס זעט פון ווייטנס א פעטן מארך־ביין און א צווייטער איז געקומען פריער צו לויפן און אים אויסגעכאפט... ער האט זיך געשטארקט, ראטעווענדיק זיך אויף דיכטערישן אופן:

„פארגלייכסט אזא שפרעוואלדער שיקסל צו איינער פון מינץ־שטראסע, פון שטעטינער באנהויף... זיי דא האבן נאך נארטירלעכע ווארעמקייט, זיי האבן דיך נאך ליב... ווען זיי הייבן דיר אן ארייַנצופלאפלען די רוטענישע ווערטער אין אויער... וואס הייסט זיי ווערן אמען? זיי זענען מאמעס! הונדערטער יארן שוין ווי זיי באהאלטן און באהיטן די פאר הונדערט ווערטער פון זייער מאמע־לשון... די זשלאבעס, די טשארנע ראבאטשעס — דאס זענען דען מענטשן, אן עם הדומה לחמור... און דייטש קאנען זיי מער ווי אפאר ווערטער, און צו א ריכטיקער ארבעט וואו מברויכט שכל? שקלאפן־סלאווען — טשארניע ראבאטשע!"

איך האב אים איבערגעריסן אינמיטן זיין „אינטואיציע", אינמיטן זיין באגייסטערטער רעדע. פלוצלינג כ׳האב דערפילט, אז מארגן קאן איך שוין

שטיין מיט אזא קאזאק אן אשת חיל אויפן מארק; שיע וועט מיר שוין א טישל מיט בבלען פארשאפן און מיר וועלן זשאבן — איך וועל האווקען מיט מיין „טאלאנט" מיט אלע אינאיינעם; כ'האב מיך געוואלט האלט זאכלעך־שטיל, נישט אויפגערעגט: „מאסטבוים, וועסט דיר נאך קאנען זיכער פארשאפן אויף מארגן צום מארק אזא העלפערין... וועסט מיר געבן מיין שכר־יום שכירות. רעכן געניי אויס וואס מיר קומט. אז איך בין שוין דא, וויל איך גיין זעען דעם שפרעוואלד... איך האב א נאז, כ'וועל אים דערשמעקן".

ער האט זיך מיט אן אויפריכטיקער שרעק אויפגעכאפט, דאס גלאז ביר האט זיך איבערגעדרייט: „ביסט משוגע? מ'וועט דיך, אהיימברענגען א טויטן, אויב מ'וועט דיך איבערהויפט געפינען... האסט געהערט וואלד, דערפער... ס'ציט דער וואלף צוריק צום וואלד"...

„וואס איך וויל דיך בעטן איז, גיב מיר שניאורס אדרעס דו האסט דאך געזאגט, אז דו האסט אים".

ער האט גענומען דרייען: ער האט אים אין אנדערן וועסטל, ווען מיר וועלן אהיימקומען, וועט ער מיר אים געבן... סאיז געקומען צו א גע־ווערטל. מען האט גענומען אהערקוקן צו אונזער טישל, כ'האב געלאזט שטיין ס'נישט אויסגעטרונקענע גלאז ביר און בין ארויס.

ביז צום נאנטן דארף איז געגאנגען א טראמוואי. אויסגעסטראיעטע גע־סלעך אין רייען, מיט רויטע דאכלקעס ווי מיט דאשקעס צום אויפמארשירן... א דארף ווי אלע דייטשע דערפער! אבער ווי נאר ארויסגעקומען אין וואלד אריין האט גענומען ווערן שיטערער. דא און דארט א הייזל, א כאטקע מיט שינדלען געדעקט, מיט א שטרוי־דאך, אינגאנצן פון קלעצער צונויפגעבא־דעוועט, ווי באהאלטן צווישן די ביימער מ'זאל עס נישט ארויסזעען, מ'זאל עס נישט געפינען... דער אספאלט־שאסיי שוין לאנג אויפגעהערט... עס ציען זיך סטעזשקעס ווי אדערן אויף א האנט, זיי ווייזן אן וואו צו גיין.. און די וואס ווייטער — קוים אויסגעטרעטענע.

דער אויפגעפונקלטער טייך צווישן די ביימער פארשווינדט אויך און ווען ער באווייזט זיך ווידער, איז ער פינסטער־צעגלאנצט ווי א שפיגל אין א נישט־באלויכטן צימער — עס זאל א שטראלעכל אדורכשיינען צווישן די ביימער, אזוי געדיכט און ברייט צעצווייגט שטייען די ביימער: הונדערט יאריק! עס ווערט טרויעריק, גרויליק סמוטנע אויפן הארץ, עס הילט איין אזא באהאלטענער סוד, די בלעטער שעפטשען אין אים אלץ העכער און העכער, אבער קיין ווארט נישט צו פארשטיין... זיין בייזער מיט א גרימצארן און ס'ווערט תיכף ומיד מוראדיק שטיל — ווי זיי וואלטן זיך אליין פאר זייער אויפרודערן זיך דערשראקן! זיי וועלן זיך אויסגעבן...

פאר אן אלט הייזל מיט א שטיינערנער שוועל, וואס די שטיגלעך זענען גרין־באוואקסענע מיט וואסער־שליים וואקלט א לאדקע.

איך קלאפ אן. עס קומט ארויס אן איינגעפאלן גויעלע, אזא אלט־געווארע־נער 'טשארני ראבאטניק' מסתם. איך פרעג צי ער וואלט נישט געלאדקעט



מיך אביסל איבערן וואסער. ער ענטפערט נישט. ער גייט מיט א געבויגענע פלייצע זיך אין לאדקע אריין און בינדט אויף א וויאסלע און שטייענדיק נעמט ער רודערן. שטיל, פאמעלעך, קוים עס ווייזט זיך א פאלט אויפן שווארץ־צעגלאנצטן שפיגל, די לאדקע ווי זי וואלט זיך געגליטשט טיף אין א תהום אראפ, ווי אין טיפן סוד אריין... אזא שטילער היימישער טרויער ווינטלט פון וואלד ארויס.

דאס סודען פון די ביימער ארום ווערט שטארקער, גרימיקער. די פאר־בארגענע, לויערנדיקע סמוטנעקייט גרויליקער, און ער א פארשוויגענער שטייענדיק אזוי מיט דער וויאסלע אין דער האנט, נישט ווי צו רודערן מיט איר, נאר — אזא מורא באפאלט מיך: וואוהין פירט ער די לאדקע? די טונקלגיש ווערט אלץ טיפער און געדיכטער. אט הייבט ער די וויאסלע אויף און גיט מיר איבערן קאפ... און „מ'וועט מיך אהיימברענגען א טויטן... אויב מ'וועט מיך איבערהויפט געפינען"... „ער פירט מיך אין טויט אריין". וויל איך, אויפשרייען און האלט מיך קוים איין מיט אלע צוואנגען.

פלוצלינג, ווי אין א וואונדער־מעשה, באווייזט זיך א כאטקע ווי פון יענער וועלט... נישט געטשעסטע קלעצער, מאך־באוואקסענע, געבויגן, איינגע־פאלן; די צוויי פענסטערלעך אזוי נידריק ווי איינגערעמטע שטיקער שפיגל־דיקער טייך.

איך הייס דעם רודערער שטיין בלייבן, ער בלייבט שטיין. כ'גיב אים א מטבע, נישט אנקוקנדיק לייגט ער זי אין טאש אריין. ער ברומט עפעס א פרעמד ווארט. א גליקלעכער כאפ איך מיך פון דער לאדקע ארויס און ער רודערט ווייטער — כ'בין א געראטעוועטער! כ'בין לעבן געבליבן!

איך בלייב שטיין א ווײַלע, מיך אומקוקנדיק: וואו בין איך דא? בין איך נישט אריינגעפאלן ווי אין א „מעשה פון אור חיים"? א יונגע פרוי א שלאנקע, א בלאסע עפנט די טיר. איך בייג איין דעם קאפ, נישט ווייל דאס ביישטידל איז אזוי נידריק — פאר דער וואונדערלעכער גן־עדנדיקע שיינ־קייט! אזוי וואונדערלעך שיין איז די סמוטנע בענקשאפט, וואס קוקט פאר־וואונדערט ארויס פון די גרויס־אויפגעריסענע, וואונדערלעכע אויגן.

איך גיי אריין אינם הייזל ווי אין א פאנטאזטישע קינדער־מעשה, ווי אין א טיפן סוד און זי קוקט אויף מיר אויך אזוי ווי איך וואלט געווען פון הימל אראפגעשיקט אים צו באשיידן...

איך וואלט מסתם דא איבערגעבליבן, דא אין דעם היימישן געפלאפל, אין דעם שטילן געפלעטשער פאר די נידריקע פענסטערלעך. איך וואלט שוין אין דעם היימישן שטיקל ערד מיין טעגלעך ברויט ארויסגעקריגן... וואס האב איך צו זוכן אין די רעסטאראנדלעך אויף דער מינץ־שטראסע, צי אויפן האגישן מארק... אויב שוין צו זיין א מארק־העלפער ביי מאסטבוימען צוצופאסן די פאסאנען צו די פיגורן מיט 'מיין טאלענט', „אויפן אטפוסט אין קאטפוסט", איז מיר שוין זיין א טרעגער ביי פיניעלען אסך ליבער — זיין פילאזאפיע א געזיכערטע, א טיפער אדורכגעטראכטערע ווי מאסטבוימס דיכטערישע... אפ־שר וואלט איך דעם טיפן פילאזאפישן סוד פון דעם באהאלטענעם, פינסטערן

טייך ארויסגעטראגן אויף דער ליכטיקייט... כ׳וואלט דאס ליכטיק־פאר־שאטנטע ווארט געפונען... דא וועט מיר מיין סוד קיינער נישט ארויסגע־פינען... אים אינטערקוקן אז וואס גייט מיך נאך אן גוסטא אצינד... די אויגוסט שטראסע? ס׳איז שוין אלץ ענטפלעקט... כ׳ווייס שוין אלץ... די ארטיסטן־שניפסן, די קינסטער־קאפעלישן... די ליבע — —

שפאצירנדיק צומארגנס אויף דער אנדערער זייט וואלד, צוקומענדיק צו א סטעזשקע, וואס פירט ארויס פון אים, זאגט זי: זי איז אומישנע מיט מיר אזוי ווייט אהערגעקומען, ווייל נישט ווייט פון דא איז דער טראמוואי, וואס גייט קיין קאטפוס און ס׳וואלט טאקע אמבעסטן געווען, אז איך פאר טאקע נאך היינט צוריק, ווייל ער ווייסט שוין פון מיר... ער האט זיך דערוואוסט!

...ווער איז ער? שטעלט זיך ארויס, אז דא נישט ווייט אינמיטן וואלד האט זיך אויפגעשטעלט א ווילע א גענעראל, וואס איז אהיימגעקומען א צערו־דערטער פון דער וועלט־מלחמה, פונם צפון־מזרח פראנט און רעדט זיך איין, אז ער איז דער סאטראפ פונם באזעצטן אוקראינע... גאנצע טעג דרייט ער זיך דא ארום אנגעטון אין זיינע רויטע לאמפאסן־הויזן און אינם מונדיר מיטן רויטן, אויפגעשטעלטן קאלנער. די שווערד שלעפט זיך אים נאך מיטן גאנצן פאראד... אריינקומענדיק אין די הייזלעך, איז ער זער ליבנסווירדיק, קנעפלט אויף דעם מונדיר, אלע מעדאלן באווייזן זיך באמבלענדיק אויף דער ברוסט — ער רעדט מיט זיי זיין צעבראכענעם רוסיש און זיי צו אים „זייערס". ער איז זער ליבנסווירדיק, אבער אז ס׳באווייזט זיך א פרעמדער דא אין דער געגנט, רופט ער אים נישט אנדערש אן ווי שפיאן. קלאפט אין טיש אריין מיט דער שווערד, מיט אלע שיינע רוסישע ווערטער: „סוואלאטש", „דוראק", „סוקיני־סין".

ארויסקומענדיק פונם וואלד, ווייזנדיק מיר די ריכטונג צום טראמוואי, זאגט זי צו מיר גאנץ זאכלעך, אין א מין טובה־בעטנדיקן טאן: אויב איך וועל איר געבן מיין אדרעס, וואלט זי מיר געשריבן ווען זי וועט ווערן א מאמע...

איך האלט איין דעם אטעם בשעת איר ריידן און איך לאז אים ערשט דערלייכטערט אפ ביי איר ענדיקן:

לויט איר חשבון ווערט זי א מוטער אין דריי חדשים ארום, און אין פיר חדשים וואלט זי געקענט אננעמען א שטעלע, ווי אן אם.

(שלום פון קאפיטל — אין קומענדיקן נומער)

## משה דרוקש

### עיר שלום

למשה דיין

עיר שלום, דו ביזט מיר טייער,
דו ביזט מיר טיף אין הארצן ליב,
איך וואלט פאר דיר געגאנגען אין פייער,
געגעבן מיין לעבן פאר דיר אצינד.



עיר שלום, דו ביזט מיין היים,
כותל־מערבי ביז מיין מאמע;
איך בין גליקלעך, כ׳האב דערלעבט,
מיט אלע יידן צוזאמען.

עיר שלום, כ׳וועל דיך פוצן און באשיינען,
אן דיר קיין לעבן,
און נישט אוועקגעבן קיינעם.

עיר שלום, שטראף מיך נישט מער,
מיט דיין שטארקע האנט,
בעט איך ביי דער הייליקער וואנט.

און איר מיינע ברידער און שוועסטער,
פון קדוש־השם,
און דו מיין ברודער משה דיין,
ביזט פארשריבן, פארהייליקט — חיי וקיים!

## ש. י. דארפזאן

### אין מלכות פון דער יידישער פרעסע

דער קולטור־דעפארטמענט ביים יידישן וועלט־קאנגרעס אין ענגלאנד, האט אין יאר 1953 אנגעהויבן ארויסצוגעבן א מין אטלאס פון דער יידיש־תוכנדיקער פרעסע אויף דער גארער וועלט. ביז־איצט זענען דערשינען זעקס אויסגאבעס פון דעם דאזיקן, זייער וויכטיקן און אינטערעסאנטן אטלאס, וואס פארמאגט אן אוצר פון כל־ערליי יידיש־תוכנדיקע טעגלעכע צייטונגען, וואכנ־בלעטער, חודשלעכע זשורנאלן און פעריאדישע אויסגאבעס, וואס אנטפלעקן דאס עשירות פון דעם יידישן פרעסע־וועזן אויף דער גארער וועלט.

דער מחבר פון דער מיזאמער אויסגאבע — וואס פארדינט אונדזער אלעמענס דאנק און אנערקענונג, איז דער באקאנטער הערצל־פארשער, יוסף פרענקל, וועלכער פירט אן מיט דעם דערמאנטן קולטור־דעפארטמענט. ער האט יארן־לאנג געזאמלט דאס נייטיקע סטאטיסטישע מאטעריאל פאר דעם דאזיקן פרעסע־אטלאס, וואס נעמט ארום לערך 38 לענדער אין איראפע, אפריקע, אזיע, אויסטראליע, די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע, דעם לאטיין־אמעריקאנער קאנטינענט, און אנדערע טיילן אויף דער גארער וועלט.

אויפן סמך פון דער סטאטיסטיק איז צו באנעמען, וויפול מי און הארעוואניע עס שטעקט אין דעם פרעסע אטלאס, וואס פארמאגט — נישט בלויז די נעמען פון די אויסגאבעס און זייערע גענויע אדרעסן — נייערט אויך די נעמען פון די רעדאקטארן און מיטארבעטער; דעם טיראזש פון די אויסגאבעס, און די צייט — ווען די באטרעפנדע צייטונגען און וואכנבלעטער האבן אנגעהויבן דערשיינען. בכן ווערט די אויסגאבע פון דעם דאזיקן פרעסע־אטלאס נאך

וויכטיקער, ווייל מיר האבן א גענויע רשימה און אן איבערבליק, ווי עס זעט אויס דאס מלכות פונעם יידישן פרעסע־וועזן אויף דער גארער וועלט.

מיר דערוויסן זיך, למשל, אז עס דערשיינען איבער 900 (יא, ניין הונדערט!) יידיש־תוכנדיקע אויסגאבעס אין די פריער־דערמאנטע לענדער. עס וואלט אונדז פארנומען אסך צייט און ארט, ווען מיר זאלן דערמאנען — אפילו בלויז א טייל פון זיי.

מיר דערוויסן זיך, למשל, אז אין אייראפע דערשיינען איצט איבער 80 יידיש־תוכנדיקע אויסגאבעס, אין 23 לענדער, און בלויז א צען פון זיי דערשיינען אין יידיש לשון! די מוראדיקע אמפוטירונג איז, פארשטייט זיך, א סיבה פון דעם יידישן אומקום אין פוילן, טשעכאסלאוואקיי, פראנקרייך און אנדערע לענדער, ווו עס האט געשטיוולט דער היטלערישער מולך. אבער דער פאקט איז א וויטיקלעכער, אז דער יידישער שיריים אין פוילן, רומעניע, טשעכאסלאוואקיי און אפילו ראטנפארבאנד, איז באהערשט געווארן פון דער לשונדיקער אסימילאציע, און די לאקאלע לשונות האבן זיך אריינגעבירגערט אין די יידישע מיילער.

די צאל יידישע טעגלעכע צייטונגען איז זייער איינגעשרומפן געווארן, ווי א דירעקטע סיבה פון דער שפראכן — אסימילאציע אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע, קאנאדע, ענגלאנד און אנדערע לענדער. דערקעגן איז שטארק פארגרעסטערט געווארן די צאל אויסגאבעס אין ענגלישן לשון... וואס פרעטענדירט צו „דערזעצן" די יידיש־לשונדיקע טאגצייטונגען. מיר זען דאס בולט אין אמעריקע, קאנאדע און ענגלאנד, למשל, ווו די יידיש־ענגלישע וואכנבלעטער זענען געווארן א יש אין דעם יידישן לעבן אין די דערמאנטע לענדער.

ס'איז אבער אויך בולט אן אנדערע דערשיינונג.

אויפן גרויסן לאטיין־אמעריקאנער קאנטינענט, זענען ביז דער לעצטער מלחמה דערשינען בלויז צוויי־דריי יידישע טעגלעכע צייטונגען (בוענאס איירעס). איצט דערשיינט א טעגלעכע יידישע אויסגאבע אויך אין מאנטעווידעא (אורוגוויי), און בראזיליע. אן ענלעכע דערשיינונג איז אויך אין פאריז, ווו עס דערשיינען איצט־רעגולער־צוויי טעגלעכע יידישע צייטונגען, און איין אויסגאבע דערשיינט 4 מאל א וואך. אין דעם חשבון דארף אויך אריינגערעכנט ווערן די טעגלעכע יידישע צייטונג, וואס דערשיינט אין תל אביב, איינגעשלאסן א צאל יידישע וואכנבלעטער, חודשניקעס און אפילו א וועכנטלעכע אילוסטרירטע צייטונג, וואס האט א גרויסן דערפאלג.

די דאזיקע פאזיטיוון דערזעצן אבער נישט די גרויסע אבידה, וואס מיר האבן געליטן דורך דעם אונטערגאנג פון דער יידישער פרעסע אין פוילן, וואס וועט קיינמאל נישט דערזעצט ווערן.

נאך טראגישער איז דער בארג־אראפ פון דער יידישער טעגלעכער פרעסע אין אמעריקע, וואס איז געזונקן ביז צו 3 אין צאל. אוודאי לאזן מיר זיך „טרייסטן", אז די סיבה איז א שפראכלעכע. דער עלטערער דור יידישע לייע־



נער גייט אוועק פון דער וועלט און מיר האבן ניט קיין יניקה מצד די יונגע יידישע לייענער, וואס ווערן שפראכלעך און גייסטיק אסימילירט, און זיי באגניגן זיך — אין דעם בעסטן פאל — צו שטילן זייער „דורשע" נאך א יידישער צייטונג, ווען זיי כאפן אריין א בליק אין די יידיש־ענגלישע וואכן־אויסגאבעס.

פון דעם יידישן „פרעסע אטלאס" דערוויסן מיר זיך, אז אין ישראל הערשט איצט א שטארקע שפע פון 16 טעגלעכע העברעאישע צייטונגען, אומצייליקע וואכנבלעטער, חודשלעכע זשורנאלן און א צאל אנדערע אויסגאבעס! אין קיין שום לאנד אויף דער וועלט דערשיינען נישט, פראפארציאנעל, צו דער באפעלקערונג פון דריט־האלבן מיליאן יידן, כן־ירבו, אזויפיל טעגלעכע אויסגאבעס, ווי אין ישראל! און ניט בלויז העברעאישע צייטונגען דערשיינען דארט. עס גייען אויך ארויס טעגלעכע צייטונגען אין דייטש, אראביש, בולגאריש, רומעניש, פויליש און אפילו אין דעם האלב־פארגעסענעם לאדינא־לשון, דערשיינט אויך א צייטונג. דאס איז א מערקווירדיקע דערשיינונג, וואס איז אידענטיש מיט דעם קיבוץ גלויות פון אונדזער פאלק, וואס האט טיילווייז זיך איינגעזאמלט אין דער יידישער מדינה. בכלל איז ישראל געווארן א רעזערוו פון יידישע כוחות, אויף אלע — אן אויסנאם — קולטורעלע און שאפערישע געביטן.

וועגן דעם דאזיקן אינפארמאטיון אטלאס וואלט זיך גענייטיקט אנצושרייבן א לענגערע אפהאנדלונג, וואס נעמט ארום אונדזער קולטורעלן פארמעגן אויף דער גארער יידישער וועלט. מיר דערוויסן זיך, למשל, אז אפילו די קליינע צאל יידן אין אינדיע, פארמאגן אזש דריי יידיש־תוכנדיקע אויסגאבעס אין אינדישן, אדער אין מאראטי־אינדישן לשון, וועמענס רעדאקציעס געפונען זיך אין דער אינדישער הויפט־שטאט, באמבעי. למען האמת האב איך ניט געוווסט, אז אין דער אפריקאנער מדינה קעניא, דערשיינט א יידיש־תוכנדיקע אויסגאבע, אין ענגלישן לשון. דאס איז אויך נוגע די מדינות פון סינגאפור, די פיליפין אינדזלען, דרום וויעטנאם, וכדומה.

וואס שייך דרום־אפריקע, האבן מיר יא געוווסט, אז אין יאהאנעסבורג דערשיינען צוויי יידיש לשונדיקע אויסגאבעס — א וואכנבלאט און א צוויי־חודשלעכער זשורנאל, אחוץ עטלעכע וואכנבלעטער אין ענגלישן לשון. אבער אומבאקאנט איז פאר אונדז געווען דער פאקט, אז אפילו אין ראדעסיע דערשיינט א יידיש־תוכנדיקע אויסגאבע אין ענגלישן לשון.

וואס שייך אויסטראליע און ניי־זעלאנד, וועמענס יידישע באפעלקערונג האט, זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה, זיך פארטאפלט און פארמאגט איצט איבער 70 טויזנט יידישע נפשות, דערשיינען דארטן צוויי יידיש־לשונדיקע וואכנבלעטער און א חודש־זשורנאל, וואס פארגרעסערט דאס חשיבות פון דעם דארטיקן, יונגען יידישן ישוב. אבער אין אלגעמיין איז דער מצב פון טרירטע אויסגאבעס — אין צענדליקער לשונות — זענען אונדז, קולטורעל, אונדזער יידישן לשון אין דער וועלט, ניט קיין היימלעכער. די 900 רעגיס־

פרעמדע מחותנים, און מיר האבן נישט קיין סיבה זיך צו פרייען אויף דער שמחה.

דאס יידיש־לשונדיקע לעבן האט אנגעווירן פון זיין שאפערישער דינאמיק. ס׳איז א גרויסע פראגע — אויב פון די שבעים לשונות אויף וועלכן עס רעדט איצט אונדזער פאלק, וואס איז צעזייט און צושפרייט אויף דער גארער וועלט, וועט נולד ווערן א נייער פרץ, א שלום עליכם, א שלום אש, א בערגעלסאן, אפאטאשו, לייוויק און אנדערע יידיש־שאפערישע גאונים. וואס האבן באררייכערט אונדזער יידישע וועלט מיט זייערע קוואליקע ראמאנען, דערציילונגען דראמעס און פאעזיע.

דער יידישער פרעסע־אטלאס איז ווי געזאגט, א ביז — גאר וויכטיקע אויסגאבע, און דער מחבר פון דעם קליינעם פרעסע־לעקסיקאן, יוסף פרענקל, פארדינט אונדזער אויפריכטיקן יישר־כוח פאר זיין גרויסער ארבעט, וואס איז די ערשטע דוכט זיך, פון דעם מין, זינט עס עקזיסטירט די יידישע פרעסע.

י. ל. פיין

## מיין צוואה

איך וויל ניט אז מען זאל נאך מיר קלאגן,
זאל קיינער פארגיסן לוויה־טרערן,
איך וויל ניט אז מען זאל נאך מיר קדיש זאגן
איך וויל נאכ׳ן טויט ניט פרומער ווערן.

איך וויל ניט אז מען זאל מיך אין א קבר באגראבן
ווייל די ערד איז געשאפן פארן מענש צו לעבן,
און אויב ביים לעבן האב איך קיין ערד געקענט האבן
זאל מען מיר עס נאכן טויט ניט געבן.

איך וויל ניט אז מען זאל מיר א מצבה שטעלן
ווער דארף דען וויסן מיין טויטן אדרעס?
איך וועל דאך אין קיינעם׳ס הארץ אויספעלן
ווען מען וועט הערן אז איך בין א מת.

איך וויל אז א פייער זאל מיין גוף פארצערן,
און זאל פון מיין געביין קיין זכר לאזן,
און דאס הויפן אש אין וואס כ׳וועל פארוואנדלט ווערן
זאל דער ווינט אויף דער פרייער לופט עס צובלאזן.

און אויב וועלכע רעדנער, ליטעראטן
וועלן נאך מיר אהספד וועלן מאכן
זאלן זיי מיט מיר אפריהער זיך באראטן
ווי צו מאכן דעם עולם הארציק לאכן...



משה דאמב

## שטריכן איבער איליא ערענבורג

טורגעניעוו האט כמעט א האלב לעבן פארבראכט אין פאריז, טאלסטאי האט פארן טויט באזוכט פראנקרייך, דאסטאיעווסקי האט באזוכט פראנקרייך און געוועזן אנטציקט פון פאריז, שאלאפין האט פארבראכט אין פאריז ביזן טויט.

איליא ערנבורג איז געוועזן פארליבט אין פאריז און זער געאכטעט די פראנצויזן, אין יאר 1913 האט ער איבערלעבט הונגער אין פאריז, געוועזן אפגעריסן אפגעשליסן, געוואנדערט צווישן די בראדיאגעס, געוועזן איינזאם, אויף בולוואר מאנפארנאס אין קאפע „ראטאנד״ אזוי הייבט ערנבורג אן זיין בוך „כוליא כולעניטא״.

ערענבורג זאגט וועגן דעם בוך: ס׳איז א פאסקוויל אויף דער קולטור און אויף דער געזעלשאפטליכע אידעאלן״.

אין דעם בוך שרייבט ערנבורג: צו וואס שרייב איך איצט וועגן מיינע שוואכקייטן און צרות? גיט כדי צו טיילן זיך מיט מיינע איבערלעבונגען שרייב איך דאס דאזיקע בוך, דאס איז א דערציילונג וועגן גרויסן לערער, און ניט וועגן שוואכן נישטיקן, פאראכטונגס־ווירדיגן תלמיד איליא ערענבורג — דער מחבר פון מיטלמעסיקע לידער, דער אויסגעשריבענער זשורנאליסט, דער פחדן, דיזערטיר, קליינליכער צבועק, ציניקער, מיט אידעישע, פארחלומטע אויגן.

דאס בוך כוליא כוליאניטא האט אים בארימט געמאכט איבער דער גאנצער וועלט ווייל דארט זענען דא אסך אמתן, פינף יאר נאך דער גרויסער רעוואלוציע הייסט דאס קוראזש און געוואגטקייט, מייקאווסקי דער פראפאגאנדע פאעט, האט פארענדיגט מיט א קויל אין קאפ, יעוועסענין דער צווייטער פושקין, שיסט זיך, בלאק באגייט זעלבסטמארד, ערענבורג דרייט זיך ארויס פון דעם טויטן־געווירבל, ער פארט צוריק קיין פאריז ווו סע לעבט זיך אים בעסער ווי אמאל, ער שרייבט דעם בארימטן ראמאן „דאס לעבן פון זשאנעט לי״ וואס שאפט אים סימפאטיעביים פראנצויזישן פאלק און במילא ווערט ער בארימט אין דער וועלט און אין רוסלאנד.

אין יאר 1936 באזוכט ער שפאניע און ער שרייבט בארימטע רעפארטאזשן און באקענט ער זיך מיטן בארימטן אמעריקאנער העמינגוויי, ער באזוכט די שווייץ, דארט באיינפלוסט ער געוויסע קרייזן און פערזענלעכקייטן.

בעת די לעצטע מלחמה שרייבט ער וואונדערבארע ארטיקלען אין דער סאוויעטישע פרעסע, בארימט ווערט זיין עסיי „הימלער״ זעלנער און אפיצירן לעזן אים מיט אויסערגעוויינליכע שפאנונג איבער די ברייטע פראנטן און אין שפיטעלער און זייערע הערצער ווערן פול מיט טרייסט.

א גרויסער סאוויעטישער דיפלאמאט האט דאמאלט געזאגט: מירן ניט אוועקגעבן צען דעוויזיעס פאר ערענבורגן. נאך דער מלחמה האט ערנבורג

אנגעשריבן עטליכע בענדער זכרונות ווו דארט דערמאנט ער וועגן בערגעלסאנגען דעם נסתר, מארקישן, ערענבורג איז געווען א גרויסער גייסט מיט א אוניווערסאלן פארנעם, מער אייראפעיער ווי רוס אדער ייד, אן עסטעט און אידעאליסטישע שטרעבונגען טויכן ארויס פון אלע זיינע ווערק, ער איז בליציק, שארפזיניק, ציניש, איראניקער, חוזק מאכער, טראגיקער, און אין אלגעמיין איז ער באיינפלוסט אסך פון גארקין און טשעכאוון וועמען ער האט שטארק געאכטעט, ערענבורג א חוץ מיט זיינע קאנטראסטן און קאמפליצירטקייט איז געווען איינער פון די גרעסטע אייראפעישע שרייבער מיט א פענאמענאלן זכרון און דער לעצטער מאהיקאנער פון די רוסישע־יידישע בארימטע שרייבער.

## יחזקאל בראנשטיין

## קאלירן און קלאנגען — פון רבקה קאפע

דער וואס האט שטארק ליב... דאס ערשטע ווארט: מאמע... און האט נאך דערצו די נאטירלעכע פאטענצן פון א שעפערישן מענטשן — א פאעט, ווי עס איז דער פאל מיט דער פאעטעסע און פראזע־דיכטערין רבקה קאפע, איז אוודאי מסוגל איר מאמעשאפט צו פארוואנדלען אין א קוואל פון יצירה, דיכטונג בכלל — און אן יעדן ספק, אין א באזונדערער ליבשאפט פאר קינדער.

די לידער אין רבקה קאפעס נייסטן לידער־בוך קאלירן און קלאנגען, זיינען בדרך כלל געמיינט צו זיין דורכאויס קינדער־לידער. זיי זיינען עס בדרך כלל טאקע אויך, דערצו טאקע אויך גוט פארטראכט און אויך גוט אויסגעפירט — דינען איר אבער אויך ווי א הינטערגרונט פון לירישן אויסדרוק אין אלגעמיין, דיכטונג בכלל.

ווען רבקה קאפע זינגט למשל אין איר ליד פרימארגן:

אין שפיגל פון דער אייביקייט
דאס לעבן שטראמט פארביי...
און באבע אינעם אייניקל
געבוירן ווערט אויפסניי.

שפאנט זי דערמיט אריבער דעם גדר פון איר פארטראכטער אויפגאבע: קינדער־דיכטונג — און ברענגט גאר צום אויסדרוק איר אייגענע, לירישע איבערלעבונג, וואס איז מער פאסיק פאר דערוואקסענע ווי פאר קינדער, אין אנגעזיכט פון איר קינדער־ליד נחת, וואס איז טאקע געמיינט צו זיין א קינדער ליד און האט זיך גאר אויסגעפארמירט ווי סתם א ליד אין דעם זין, וואס די פאעטעסע דריקט אויס איר באגייסטערונג פאר דעם קינד, וואס איז אין איר סתם גורם אן אקט פון יצירה. צי ווען זי זינגט אין אן ליד א. נ. קינדער־מאטיוו, טיילווייז אזוי:



עס איז אויך פאר די פאקט־קניט,
פלאקערדיק פלאמיק זי זאל ברענען:
ארויסצוואקסן פון דער פויסט,
אין זיין ליכט מענטש זאל מענטש דערקענען.

און האלט איך אין מיטן שרייבן א שיר
עס ווערט א מאטיוו פון געפלאפל אין מיר. (ז. 38)

דערמיט באשטעטיקט זיך מיין השערה, אז ניט אלע אירע לידער אין אט דעם בוך אירן, ווי זי אליין מיינט — זיינען קינדער־לידער.

אירע קינדער־לידער אבער אין אלגעמיין, אטעמען מיט דער תמימות, זארגלאזיקייט און נאטירלעכן, אומגעקינסטלטן אויפפיר און באנעם פון קינדער. אט איז א מוסטער פון א גאנץ ליד, א. נ. א שטיבעלע:

נחמה האט א שטיבעלע
מיט שפילעכלעך א סך.
א שטייגל פאר א בעבעלע,
מיט בלויען הימלדאך.

א דעכל אן א שינדעלע —
שויבערט ווינטל הערעלעך.
ווען עס וויינט דאס קינדעלע,
טריקנט זון די טרערעלעך.

דארט אויבן אין א טראנעלע,
וויינט א וואלקן־ציגעלע.
ליגט עס אין לבנהלע,
אינעם זילבער־וויגעלע...

ווען עס פאלט די נאכטעלע,
קומט צוגיין א הימלפיי,
שיט ארויס פון שאכטעלע
פונקעלעך פון שטערנשפריי.

נחמהלעס געצעלטעלע
האט שפילעכלעך א סך.
א פירקאנטיקע וועלטעלע
מיט שטערנדיקן דאך.

פון דעם איז צו זען, אז צו רבקה קאפעס דיכטער — קרוין איז צוגעקומען א קאלירפולער דימענט: דאס קינדער־ליד — וואס דינט איר ווי א שעפערישער עודף צו איר ליד אין אלגעמיין, און אויך צו איר זיך אלץ פארמערנדיקער און פארבעסערטער פראזע־דיכטונג.

די אידעלע צייכענונגען פון דעם קינסטלער בגן פארדינען זיך א באזונדערע אפהאנד — פון א פאכמאן, א קונסט־קריטיקער — וואס איך בין עס ליידער ניט.

## א שטעקעל ארויס א שטעקעלע אריין

## מענדעלע לא תשכח

דאס מענדעלע יאר איז חלילה נישט פארגעסן געווארן ביי אונז אין לאנדאן, מ׳האט עס נאר מיט א טריק א רוק געטון פון 1967 אויף תשכ״ח. אין דער לעצטער מינוט האבן זיך געכאפט ס׳ביסל קולטור־ארגאניזאציעס צו אן „עם כל הנערים עליה״. „דער יידישער וועלט־קאנגרעס״ האט צונויפגערופן די זיצן. די קולטור־קאנגרעס איז געווען דער איניציאטאר. דער שרייבער־פעראיין, ייו״א, „אגדות הסופרים בלאנדאן״ און „פרייד פון יידיש לשון״ זיינען געקומען צו דער אסיפה. די לעצטע האבן נאטירלעך נישט געווארט מ׳זאל זיי דערמאנען — ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס איז דאס גאנצע יאר שוין 1967 א מענדעלע יאר — מענדל לא תשכח!

### 50׳סטער יארצייט פון מענדעלע מוכר ספרים
(פאר יוסף לעפטוויטש צו זיין 75׳סטן געבוירן יאר)

נישטא מער דער בית־מדרש־און שול־הויף,
וו שטיין צו בלייבן מיטן ספרים ביידל;
נישט די קודשים, נישט די חדר־יינגלעך,
וואס זאלן סטרונעס רייסן פונם ווײדל.

און נישט דער פאליש איז פאראנען מער,
די סחורה אויסצופאקן אויף די טישן;
נישט די יידן זיך ארומצושטעלן,
א ספר צו בלעטערן און צו מישן.

וו א חברה־מאן צו געפינען איצט,
א טריף־פוסל, א בוך, אים אנצושטעקן?
פיפציק יאר קוים אוועק, טויט דער זיידע,
אייניקלעך צעלאפן אין אלדי־העקן.

דער מיטגעכאפט א ראמש ספרי־רומ״ל,
און דער מיט די נאטן, די ציון־לידער;
די קלאטשע גייט אויס, א פארהונגערטע,
מעלה־גירהדיק די ה׳ פונם סידור.

אויף ווערבע ס׳פייגעלע אין טליתל,
טוט זיך שאקלען און קינהדיק וויינען:
וואס ווערן מיט די אלע פעק ביכער,
אז קיינער איז נישטא וואס זאל זיי לייענען?



קניפן זיך די פעקלעך ראפטימדיק אויף,
דער ווינט נעמט מישן די פארוועלקטע בלעטער,
און ער לעזט די ווונדערלעכע מעשה,
פון א פישקע, דעם ריטערלעכן רעטער.

ווי האט ער זי געליבט די יתומה,
דערצו איז זי נאך א בלינדע געוועזן — —
„א רוח אים אין זייניע ביינער איאן״!
צעפליוכעט זיך דער ווינט מיטן אין לעזן.

דאס פייגעלע ווערט שטיל, עס הערט זיך איין,
רייסט אויף גרעסער אן אייגל נאך אן אייגל;
ס׳הערצל וואקסט אים: אזוינס זיך פארלאפן?
פאר פרייד ס׳שפרינגט קדוש פון צווייגל צו צווייגל.

## יוסף לעפטוויטש א בן שבעים וחמש

יוסף לעפטוויטש איז נישט נאר דער בארימטסטער איבערזעצער פון יידיש אין ענגליש און א באקאנטער ענגלישער פאעט און שרייבער, נאר געהערט אויך צו די באדייטנדיקסטע יידישע פאעטן און שרייבער אין יידיש אין מלכות ענגלאנד.

מיט 5 יאר צוריק ווען לעפטוויטש איז געווארן א בן שבעים האב איך צו אים געזאגט: „אי״ה אין 5 יאר, ווען איר וועט אלט ווערן 75, וועט „לשון און לעבן״ ארויסגעבן אזאמלונג פון אייערע לידער״. ליידער האב איך מיין ווארט נישט געהאלטן. וואס איך קאן אים חבריש טרייסטן איז: כ׳האב מיר אויך געגעבן א ווארט, אז הייאר צו מיין ווערן א בן שבעים, ארויסצוגעבן מיינס א בוך און כ׳קאן אייך נישט מיר נישט האלטן מיין צוזאג.

אזוי זעט ער אויס אונזער יידישער ישוב דא, שוין ס׳זעקסטע יאר ווי קיין יידיש בוך איז נישט געדרוקט געווארן.

יא, דרוקן, נישט דרוקן — דאס שרייבן איז דער עיקר.

און אזוי ווי אייער געבוירנטאג פאלט אויס פונקט אין ראש־השנה, זאל איך, אייערע ליבע פרוי און אלע אייערע אנגעשריבן ווערן א גוט געזונט יאר — עד מאה ועשרים.

## ארנאלד צווייגן אין נאנטקייט

(צו זיינע 80 יאר)

נישט ביי דער כותל־מערבי —
ביי דער בערלינער ר׳שטייט א צינד;
פארוואונדיקט שווייגן די ליפן,
ווידווידיק־שטיל טאפט ער זיך בלינד:

צו איבערצייגן מיך אין דייטש,
געמוזט ערשט ווארטן אזוי לאנג ?
ווערט דען א מערדער געכשרט,
אונטער אן אייזערנעם פארהאנג ?

ווערט עיר־נדחת עיר מקלט,
אז זי איז מיט א וואנט צעטיילט ?
קוועטשט דער רוצח דאס בלוט אויס
פון זיין האנט, אין א פויסט געביילט ?

ווי ער באהאלט זיך, פארשטעלט זיך,
ראפטים דאס פרצוף קומט ארויס ;
פנים אל פנים מען בלייבט שטיין,
ס׳ווערט די שרעק טאפלט גרויס —

שארף־געשפיצט און בלאנק־געשליפן,
ס׳הארסט וועסל־מעסער פריש אויפבליצט,
ס׳איז שטומפיק געווען, פגימהדיק,
יודן־בלוט אזויפיל פארשפריצט —

ווי רציחיש ווידער עס בלאנקט,
אויף דער לינקער זייט געשליפן איצט — —
א, גאט ווו בין איך אין דער וועלט —
שפרינגט עס ווידער אויף שארף און געשפיצט ?

א טיגער גרימיק פארוונדיקט,
אונטער די גראטעס פון א שטייג,
אונטער דעם אייזערנעם פארהאנג,
דער פאצווייפלטער ארנאלד צווייג.

## מארק שאגאלס 80׳טער געבוירן יאר

אין בן־אורי גאלעריע האט מען דעם חודש געפייערט דעם 80טן געבורטסטאג פון וועלט־בארימטן מאלער מארק שאגאל. בערי פעלדמאן, דער סעקרעטאר פון פעראיין, האט געהאלטן אן אויספירלעכן רעפעראט איבער שאגאלס לעבנס־ארבעט און מ׳האט געוויזן צענדליקער פארביקע ליכט־בילדער — א קויער־דורכשניטן פון זיין שאפן. געליינט פון שאגאלס אטאביאגראפיע איבערזעצט פון יידיש האבן טארני בעף און קארל מעסין.

ביי א יידיש ליטעראַרישן שבת נאכמיטאג האט האניק געהאלטן א רעפעראט איבער שאגאלן. עס ווילט זיך נאר פרעגן פארוואס ביי אלע אויסשטעלונגען, אין די קאטאלאגן, מוז זיך תמיד ריידן וועגן דעם רוסישן קינסטלער מארק שאגאל. ער וואס איז אזוי יידישלעך אין זיין גאנצן שאפן און זיינע לידער און אטאביאגראפיע האט ער אויך געשריבן אין יידיש. אפנים, אז אפילו — „בארזים נפלה השלהבת״...



## תלמיד חכם בא לעיר

פארגאנגענעם חודש האט זיך דער בארימטער יידישער שרייבער, יצחק באשעוויס, באוויזן אין לאנדאן, אבער זיך באוויזן פאר א יידיש־ריידנדיקן עולם איז שוין מער נישט קיין עסק : איינצושפאנען די יידישע מאסן צו שלעפן א יידישן שרייבער איבער די גאסן, „פיש־פיש־פיש, ככה יעשה לאיש״, איז נישט מער דא אין ווייטשעפל... מילא, אפשר שארט זיך נאך דא און דארט א שדל, א לאפיטוטל, א דיבוק... אבער זיינע טיפן וועט ער גיכער געפינען אין גרויס־לאנדאן ביי „מאדאם טוסאד״ אין „בלוט קעלער״...

אן שום ספק, עס איז א מדרגה פון א יידישן שרייבער צו דערגרייכן אזא יידישע אומאפהענגיקייט, בלויז עס קאן לײדער שמעקן מיט שפלות־געפיל, אויב נישט נאך נידריקער. אבער ווי זאגט אנ־סקי אין זיין „דבוק״ : „ירידה צורך עליה הוא״.

## יידל מארק און הערץ בערגנער

ווי מיר הערן, איז דער יידיש־וויסנשאפטלער, יידל מארק, געווען אין די „האלידעי״־וואך אויף א באזוך אין לאנדאן און איז אויפגענומען געווארן אין א חברים־מסיבה ביי ד״ר יעקב מייטליס אין הויז. א שאד וואס אים נישט געטראפן. ביי דער גייסטיקער איינזאמקייט דא צו זעען א פנים חדשות איז דאך באמת א ברכה צו מאכן.

דערפאר האבן מיר דא געהאט הערץ בערגנערן איבער דריי וואכן צוגאסט אין לאנדאן. זיין רעפעראט ביי די „יידישע ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס״ איבערן יידישן ישוב אין אויסטראליען איז געווען א פרייד־דערלעבעניש. די קולטור־אנשטרענגונג פון די ארבעטער־פירער, שרייבער און קולטור־טוער — ס׳איז געווען א שעה פון נחת־רוח.

דער באקאנטער שרייבער הערץ בערגנער געהערט צו די צוויי מנינים פראזאאיקער פון פערטן דור יידישער דערציילער צעשפרייט איבער אלע פינף וועלט־טיילן. בערגנערס ביכער זיינען איבערזעצט אין העברעאיש און אין ענגליש, ער האט אויך שוין איניקע ליטעראטור־פרייזן. זאל דא אויך דערמאנט ווערן זיין יחוס, ער איז, דער יינגערער ברודער פון מלך ראוויטש.

## קאלטע אכסניה׳ס

נאטירלעך, דאס יידישע ווייטשעפל איז אויסגעשפילט. „די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס״ האלטן זיך נישט מער אויף א יסוד, נאר אויפן סוד „תורה מחזרת אל אכסניה שלה״.

וואלט די יידישע קולטור־אפטיילונג ביים קולטור־דעפארטאמענט פון וועלט־קאנגרעס מיטן יידישן זשורנאליסטן פאריין, און דאס נעמלעכע קאן מען אויך זאגן פון דער „יידישער קולטור־געזעלשאפט״, געמיינט באמת יידישע קולטור־ארבעט, נישט פאליטיק־שפיל פון להגדיל את־העסק ! וואלט זייער פראפאגאנדע־מאשין אויך אין דער ריכטונג ריכטיק געארבעט, און נישט געווען קיין קאלטע אכסניה׳ס ווו איז יידיש שוין אפגעפארן !

## פראפ. העשעלס לעקציע

דער זאאל איז געווארן שנעל איבערפולט און מ׳האט געמוזט עפענען די סינאגאגע און אויך זי איז געווארן באלד איבערפולט.

איך האב ד״ר אברהם יהושע העשעל קוים געזעען זינט ער איז געקומען, מיט א פערציק יאר צוריק ווי א צוזאגנדיקער יידישער פאעט — איך האב מיך געפריידט מיט אים וואס ער האט זיין גוט־יידישע צורה באהאלטן. הערן די לעקציע אין דעם געפאק און פרעמדן לשון איז מיר געווען שווערלעך. אין זיינע יידישלעכע תנועות פון א בן־גדולים און וואס ר׳איז עס אליין איצט, האב איך געזעען: יענס ביכורים־הענגל טרויבן, גאט־גליובן־ליד, וואס ער האט געברענגט אויף יידיש האט ער טראפנווייז געקוועטשט ווי יין־צימוקים־ווייַן און געיידישט דעם פארגוישטן עולם: „בדמיך חיי״...

וואס כ׳האב אויפגעכאפט — ווייל אריינגעווארפן אין יידיש! — דאס שריים־ברעקל פון רבישן ווערטל: „די ראשי־תיבות פון אדם מאכט — איך, דו מיר״.

## אליא ערנבורג

עליא ערנבורג איז געשטארבן א ייד,
און זאל יידישלעך זיין רעכט אים געטון ווערן;
נישט אין א תכלת־טלית אים איינהילן,
נישט מטהר זיין אין תשעה־קבין טרערן;
זאל זיין, אז קבורת־חמור, אונטערן פלאט,
אבער א שטיקל הספד מען מוז שוין הערן.

אמת דעם „לייזער רויט־שוואנץ״ אנגעשריבן,
נאר א זכות מיר ווען אים דאך צושרייבן:
האט ער נישט אליין געזאגט: „א ייד כ׳פארבלייבט,
ווילאנג אין אנטיסעמיט וועט איבערבלייבן״;
און ניש־קשה מער ווי איינער ס׳איז נאך דא,
א גאנצן מינין מען קאן נאך צונויפקלייבן.

מילא, קען מען דאך א „מלא״ אים מאכן,
יתומדיק א רבנן־קדיש אים נאכזאגן:
אויף די פליגל פון זיין פייערדיקן ווארט,
די רויטע ארמיי ווי א פלאם זיך געטראגן,
די אימפארשעמטע שונאים פון דער מענטשהייט,
פון אונזער פארשעמט פאלק — עד־חרמה צעשלאגן.



## אקטאבער רעוואלוציע

א בלאטער, א מכה־טריה,
אויפגעפלאצט און ארויס דער אייטער,
מיט פריש בלוט איבערגעשווענקט גוט,
און ס׳לעבן א געזונטס גייט ווייטער.

מארסעליעזע אויפגעזונגען,
און גיליאטינע קעפ צו קעפן!...
א מאוס פארשלעפטע קרענק עס ווערט,
אין לאנגער באנק ס׳טוט זיך פארשלעפן...

50 יאר א רעוואלוציע,
און נאך אלץ נישט זי וויל אויפהערן?
נישט צו באפרייען געקומען,
נאר פארשקלאווט צו איר גאר צו ווערן?

ס׳האט דער סלאוו בלוט זידיקס און רויט׳ס,
איצט ערשט דער מאנגאל, די כינעזן;
אזא רעוואלוציע ווי די,
איז נאך אויף דער וועלט נישט געוועזן.

ס׳איז אבער אזא מין בלאטער,
מיט פארעפושטן קראנקן אייטער,
אויך נאך אויף דער ערד נישט געוועזן — —
נו, מוז זי זיך שוין שלעפן ווייטער!

א, וויפיל מען וועט נאך קעפן,
מענטשן־קינדער איינער דעם צווייטן;
פאר וועם די אלע כלי־משחית
וואס מען האלט נאך אין איין צוגרייטן?

אויב יידיש בלוט אבער ס׳שמיר־אייל,
פאר דער רעוואלוציע געוועזן?
אייל איז נישט נאר ראד צו שמירן,
א מכה אז זי זאל גענעזן.

עס איז אויך פאר דער פאקל־קנויט,
פלאקערדיק פלאמיק זי זאל ברענען:
א רויז ארויסוואקסן פון פויסט,
אין זיין ליכט מענטש זאל מענטש דערקענען.

50 יאר א רעוואלוציע,
ווען שוין הערן דעם יובל־תקיעה,
ווערן גאנץ אויסגעוואשן שוין,
די אויפגעפלאצטע מכה־טריה?

יובל — יעדער שקלאוו באפרייט ווערט,
צומאל דער וואס אויער געבויערט!
ווי ס׳הארץ צאפלט, געלעכערט ס׳ווערט —
דור־דורות ס׳דויערט דאך און דויערט.

## נאך פיאדארענקאס צווייטער רעדע

און אז פאליטיק — איז פאליטיק!
און אויב געבליבן דער באלשעוויק
„טשארנע סאטניק״, האט יידל נאך א קאפ,
און מיט איין דריי ער דרייט אים אראפ.
נישט נאר שעיר לעזאזל איז א ייד,
אויב מען ברויך וועם: געביפט און געניט — —

אך און ווייי צום דרייער מיט זיין דריי,
און צו א סטאלין־סטיל געשריי.

וואס דיזראעלי געוועזן אמאל,
ביי די דארדאנעלן היינט ישראל
ביים סועץ — אויב אלץ מאכט־פאליטיק?
פיאדארענקא, נישט נאר זיין א סמיק,
מ׳מוז האבן אין די פינגער ס׳געפיל,
אז נישט פארן טייוול אזא שפיל.

אך און ווייי צום דרייער מיט זיין דריי,
און צום גארגל מיט גג־מגג־געשריי.

און אויב וועלט מיינט פאליטיק און טריק?
פון ווו מיר שטאמען מ׳גייען צוריק!
פאראויס כ׳וואליעט אונזער בלוט — די פאן,
לעצטע געבליבענע מיר קומען אן.
נאך געבליבן א לעצטע וואנט,
„אנוכי״, געשריבן מיט גאטס האנט.

גערייניקטע פונם גלות־געגיי —
„לתקן עולם במלכות שדי״.



## דער סאנעט פאר די יידן אין סאוויעטרוסלאנד

אז מיר באטייליקן זיך, נעמען אנטייל,
אין דעם געוואלטיק גרויסן איצט אויף דער ערד;
אז נישט געווארן מיר זיינען גאנץ צעשטערט,
פון דעם וויסטן, הינטישן־ווילדן, „הייל, הייל״;

אז ווייט צעשפרייט איבערן גאנצן ערד־קייל,
יידישע ווערטער מאמעדיק נאך מען הערט;
אן אויג פון מחזור א ייד הייבט אויף פארטערערט:
„כי מעולם ועד עולם עתה אל״ — —

ווילאנג צו גאט מענטשן קאנען נאך ריידן,
וועט מען אלע געפארן דאך אויסמיידן,
איז נאך א בריק פון מענטש צו מענטש פאראנען;
אז יידישע פאעטן לידער שרייבן
אין מאסקווע איצט וועט יידיש אייביק בלייבן!
און דאס זעלביקע צו הערן פון דאנען — —

## א לשנה טובה (איבערן אייזערנעם פארהאנג)

ראש־השנה ווונטש שיקן?
שטילסטער שארך פון שטיקל פאפיר,
שרעק אויפשוידערן שוין קאן!
די שעפטשענדיקע שורות,
וועסט פארשטיין — געשריבן פאר דיר:

דאס ערשטע איז דער אנוכי,
יא, דאס איז דאס ערשטע געבאט;
פארלירט מען חלילה דעם איך,
וואס איז דער מענטש שוין דעמלט,
און צומאל גאר, אפילו גאט.

מיט פארשטאכענע אויגן,
קוקט אויף דיר הילצערן א געץ,
און דו קניענדיק אויף דנא,
א גולם מיט האק אין האנט,
און די הענט פון א שד א לץ.

ווי טיף — פארזינקן אין זיך,
א טייל פונם אין־סוף מען ווערט;
פליגל דעמלט מען באקומט,

ממעמקימדיק טיף,
דאס הארץ פלאטערן מען דערהערט.

יא, מען קאן זיצן אין זיך,
וויא פייגעלע אין א שטייג,
פוכיק שטיל איינגעטוליעט,
און גאנצער ארום איז פול,
מיט א געטלעך געזאנג־געשוויג.

איינגעגראבן טיף אין דיר
וואָרצלסט, צוויטשערסט צווישן געצווייג
ווי ווונדערלעך צוויט־באקראנצט
פעדערל פארשניצט אין פויסט
דו ווייזט די גאנצע וועלט א פייג.

## א. מ. קייזער, ע״ה

אזוי ווערן מיר דא ווייניקער און ווייניקער און פון ביסל איז שוין באלד גארנישט דא. קייזער איז געווען א פאראנטווארטלעכער זשורנאליסט, זיך אויסגעקענט אין די „קליינע אותיות״ פון אונזערע ביידע ליטעראטורן, אבער, דער עיקר, מיט וואס ער האט זיך קונה־שם געווען זענען זיינע פעליעטאנען, וואס האבן אין זיך א יידישלעכן „סענס אוף ייומאר״. ער איז דער ערשטער פון אונזערע ווייטשעפּעלער הומאריסטן: דער אייגענער, קייטי־חוט־המשולש פון אונזערע ווייטשעפעלער הומאריסטן: דער אייגענער, קייטי־

בראון און קייזער. פון זיין בוך „ביי אונז אין ווייטשעפל״ הערט זיך דער ריח פון אונזערע געסלעך דא אמאל, ע״ה, און צוזאם מיט זיי וועט אויך זיין נאמען נישט פארגעסן ווערן.

## א. ל. ציילינגאלד

שוין דער נאמען, ציילינגאלד, דערמאנט אונז אין א בארימטן ווארשעווער בית מסחר־ספרים. האט מען אין לאנדאן געזוכט א ספר, א יקר־המציאות, א גוט יידיש בוך, האט מען עס געפונען ביי ציילינגאלדן אין אלדמאנטאגיו סטריט, טיר ביי טיר פון חברה ש״ס. האט ווער זיך נישט געקענט לייסטן צו קויפן דעם יקר־המציאות אדער דאס ניי־דערשינענע בוך, האט ער קודם די העלפט פון בוך איבערגעלייענט אזוי שטייענדיק און צומארגנס געקומען און מסיים געווען. חברה ש״ס איז געשלאסן און איצט מיט ציילינגאלדס נפטר ווערן וועט זיין בית מסחר־ספרים דא פארהאקט. אזוי לאזט זיך אלץ אויס „ביי אונז אין ווייטשעפל״.



## רירנדיקע הספדים

אויב אין „ארבעטער־רינג״ קומט זיך נאך צוזאם אן עולם, איז עס צו א טרויער־פארזאמלונג. דאס מאל איז עס געווען דער „בונד״ צו מאכן הספדים נאך זייערע געשטארבענע פירער, עמנואל נאוואגרודסקי, בנימין טאבאטשינסקי, וואס זענען נפטר געווארן אין אמעריקע און אין לאנדאן די איידעלע חנה קאופמאן. דער אוונט איז געווען, נישט נאר חבריש, נאר משפחהדיק־רירנדיק. עס האבן זיך באטייליקט לוציאן בליט, רחל מירסקי, נטע קאופמאן, מאיר באגדאנסקי און הערש לייב קאופמאן. געפירט דעם פארזיץ האט סעם לעף.

• • •

זאלן נאך דערמאנט ווערן די נפטרים, יצחק דויטשער און פלאריאן סאקאלאוו; ביידע ביים לעבן שוין אפגעפרעמדט פון אונז, אבער דער ערשטער איז נאך פאר דער מלחמה געווען א רעדאקטאר פון א יידישן זשורנאל אין פוילן און דער לעצטער, דער איינציקער זון פון נחום סאקאלאוו, ע״ה.

## „די אבסאלוציעם . . .

ראביי לעזלי הארדמאן איז שוין מוחל די דייטשן במחילה גמורה. מיט זיין שפרינגען קדוש פאר די ישראל־גבורים איז ער מיט איין באגייסטערטער האצקע אריבערגעשפרונגען די זעקס מיליאן קדושים. מיר ווייסן, אז אין מיטלאלטער נאך שחיטות אויף יידן האבן מאנאכן אויף די מערק אין דייטשע שטעט פארקויפט מחילה־בריוו און זיי, די גערמאנען, באפרייט פון אלע באגאנגענע חטאים. אז ראביים, להבדיל, טון עס שוין, במחילה, איז א נאווינע. אבער וואס טוט נישט אלץ א ייד, בפרט א ראביי, פאר ישראל — „ארץ אל תכסי דם״.

## ש כ ם

„די ישראל־רעגירונג באטראכט שכם אלס צענטער פון אראבישן ווידערשטאנד״. — פון א ציַיטונג־באריכט

אז ווידער דווקא, ס׳איז די שטאט שכם גראד,
וואס לאזט זיך מיט איר גרימצארן הערן;
גאט, די קללה פון יעקב אבינו,
נישט חלילה וחס מקוים ווערן,

פון דעם וואס געווען, וואס ס׳איז, וואס ס׳וועט זיין,
טאג און נאכט דערפון איך מוז רק טראכטן:
„און שמעון ולוי אין איין נ׳עצה,
האבן געטון טון גאנץ שכם אויסשאכטן״.

„הכזונה יעשה את אחותינו״?
זוי גרעכט געווען דער גרויסער גרימצארן!
אבער יעקב נאך אויף זיין טויטן־בעט,
מעשה־שכם נישט ארויס פון זיין זכרון.

„בקש יעקב לגלות את הקץ,
ונסתלקה ממנו השכינה״ — —
טויזנטער יארן שוין און ס׳ציט זיך נאך אלץ,
די שמעון ולוי־און שכם שנאה.

„בקהלם על תחד כבודי״! חלילה,
אין ישראלן איינפירן טויט־אורטיילן?
נישט אזא ווונד, רשפהו רשפי אש״,
קאן מען, מיט דערמארדן זי, אויסהיילן.

## „ופתחון פה למיחלים״

(א תפילה קאמפלעט צו דער יונ״א)

„וכלה כעשן תכלה״, חלילה,
אין אייגן לאנד דער ייד קיין געשיצטער;
„וכל מאמינים שהוא, דין, אמת״,
געזען מען גייט אונז אויסקוילען — געבליצט ער.

אויב „אוחז ביד״ די בעסטע תפילה,
האט דער צה״ל שוין געברענגט די גאולה;
פעלט דאך אבער די ה׳ נאך דער ל׳,
דערפאר מסתם די שמחה נישט קיין פולע.

שרייען מיר ווייטער „אמרו לאלקים״,
רעד צו דער וואנט, פלעגט א ייד טייטשן — כ׳לעבן!
טא פרעג איך אייך ווי קאנען מיר אצינד
די כותל־מערבי וואנט אוועקגעבן?

„ונתנה תוקף קדושת היום״ — —
אויף וואס איז דען די וואנט איבערגעבליבן,
אויב נישט צו געפינען אהיים דעם וועג,
פון אלע עקן וועלט וואו אונז געטריבן.

אמת, „אף־על־פי שיתמהמה״,
מ׳איילט זיך גאר נישט צוריק אהיימצוכאפן...
אבער אז מען וועט האבן די כותל,
ווי בלינד נישט זיין מען וועט זיך דאך דערטאפן.



„מי באש״ — ווער מיט אשה צעמישט שוין,
„בדבר״ — און ווער געכאפט אויפן לשון;
און פון דעם ביסל צעמדברטן —
„מי זה העולה כתמרות העשן״.

## „דוד מלך ישראל״

איז דאך פאראן א השגחה, א געזעצמעסיקייט אין יעדן מינדסטן צופאל: אין דער נאכט, ווען דאס גאנצע יידישע פאלק איז געשטאנען אין איין פחד־ציטער; אין דער שעה, ווען דער צה״ל האט זיך ארויסגעלאזן צו זיין אקציע צו ראטעווען דעם יידישן ישוב מיטן צוויי און א האלב מיליאן יידן און דעם כבוד פון יידישן פאלק און מלכות־ישראל, האט די בי.בי.סי. רעקארדירט פון די „יידישע ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס״ דאס טיף רירנדיקע און „כי גאה גאה״ שטאלצע פאלקסליד, „דוד מלך ישראל״. מיליאנען און מיליאנען ענגלענדער האבן עס געהערט און נישט איין ייד האט געלאזט א טרער.

עס איז דאך א זכות און א שכר פאראן אויף דער וועלט...

## די צוויי לידער פאר העזל או מארין

(פאר די בלומלעך אויף מיין טיש אין מענאר־האטעל פריש יעדן פרימארגן)

### 1 מעוון־געזאנג

אוועקגעגאנגען איז דער ים,
א באגנע איבערגעבליבן,
און אין די בלאטע די מעוועס,
צום געזאנג צונויפגעקליבן.

ס׳הייבן זיך די שפארבער־גראטשעס,
און זע ווי גראציעז זיי טאנצן,
און פון די בלוט־רויטע דזובעס,
געזאנג, תפילהדיק אינגאנצן:

„גאט, אז א ביסעלע פון ים,
האסט אונז כאטש איבערגעלאזן,
פארגעסן מיר צער און צארן,
און אונזער גאנצן ירגזון.

„גאטעניו, טאטעניו, פאטער,
א דאנק דיר פאר אט דעם ביסל;
אז רק מען צאנקט זיך, מען קריגט זיך,
ווען א פולע ס׳איז די שיסל.

אזוי טאנצדיק, זינגענדיק,
איז דער ים צוריקגעקומען;
אים דערזעענדיק פאר גרויס פרייד,
צו קריגן זיך קריקגענומען,

אזוי־א זיינען די מעוועס,
און גאר נישט־אנדערש מיר מענטשן — —
געבליבן א כזית אויף טיש?
„רבותי מיר וועלן בענטשן“.

## 2 דער ערשטער „גוטער ייד“

ווי אזוי דער בעל־שם, דער בעל־שם געווארן?
ווען ר׳איז א בעלפער געווען און א קינד געוויינט,
די אייגעלעך אים אויסגעקושט, און צו א קראנקס
אהיימגעקומען און „קריאת־שמע“ מיט אים געליינט.

און ביז דאס קראנקע ייִנגעלע איינגעשלאפן,
מעשות שיינע אים דערציילט פון ארץ־ישראל.
האט וועלכעס בחורל א חמור־קאפ געהאט,
געחזרט מיט אים נאכאמאל און נאכאמאל.

איז איינס אינם שטעטל א לאמס נעבעך געווען,
האט ער עס אין־חדר און אהיימגעטראגן,
און שבת אין פאליש אויף ארעם געהאלטן,
מיט אלע בקול־רם „אמן“ נאכצוזאגן.

ווען אין די ענגע געסלעך זאמד ער האט פאקויפט,
ס׳מעסטל בדייט הויך מיט א דזוביקל אנגעשיט,
און צו א פרוי וואס קיין געלד נישט געהאט, געזאגט:
„אם ירצה השם... קומענדיקע וואך... ס׳מאכט ניט...“

און די ארעמע יידענע האט געפינען
א רענדל אין זאמד, אויסגעשאטן אויפן דיל.
ווען ליים אין ווינטער געפירט — ביי אן אלמנה
אן אויוון פארקלעפן, ביי אים א קינדער־שפיל.

און שפעטער אז א שוחט ער איז געווארן,
אין די אייגענע טרערן דעם חלף געשליפט —
חד וחלק! צוזאם מיט אים האן אויגן פארגלייזט,
נאך איידער די שרעק דערפילט, דעם ווייטאג באגריפט.



אן עוף אויף שבת־קודש א ייד מוז האבן,
„בשר ודגים“, אזוי געשריבן דאך שטייט.
און מיט יעדן אויף טריפה געשאכטענעם עוף,
זיין צאפלדיק הארץ א פארבלוטיקטס מיט אויסגייט:

מילא עס ווערט כשר און אויף לכבוד שבת,
א נשמה ארויף צום מקור ווו זי געהערט...
ווער ווייסט וואסער גילגול, וואס דיבוק?... ווייטער
אויף כף הקלע אזוי צווישן הימל און ערד?...

צום חולה־נופל, דעם קראנקן גוי ר׳נעמט יאגן,
צו טראגן ער ברענגט אים די געקוילעטע הין:
„גאטעניו, איז אפשר דאס אצינד דיין חסד“...
שעפטשעט ער דעם גאנצן וועג צום חולה אהין —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
אזוי איז דער בעל־שם, דער בעל־שם געווארן,
א למדן? א מקובל? וואסער אונטערשיד?
ער איז אלץ געווען, ווייל ר׳איז א גוטער געווען,
און דערפאר געווארן דער ערשטער „גוטער־ייד“,

## שאגאלס גבורות (פאר מאריאנען)

אויף זיין פענזל בליט די פארב,
דאס בלויע בלוט וואס גייט צום הארץ,
און דער טרוים טריפט אזוי רויט,
אויף לייוונט ווייס־צעוויקלט —
סובות־נעכט סוד־סודותדיק שווארץ.

פאליטרע — האלבע לבנה,
פון חלומות־וואלקן פארווישט;
שלום־עליכמס א לאך,
וועקט אים אויף — א קינד אין וויג,
פאר זיין אויג חומשל זיך מישט.

קעניג דודס תהילימל —
קאנאריקל אין שטייגל זינגט!
„צו לצר“ און „קו לקו“,
מיט די ערד־קויל געצייכנט
א זון — אזש גאנצע וועלט פארייגנט:

געבונדן קאלב אויף וואגן,
טיגער אין צירק טאנצט צום ליד,
און חזיר, גנאי פארוואלגערט — —
זע יעזוס אויף דער תליה —
א בטליתטער גוטער־ייד!

ווי ס׳גלייכווערטלט, ווי ס׳פאלקלארט,
פרצדיק גין־גאלדן געליישט;
פריזמע? גוזמה? רמזדיק?
שקועהדיק אויפגעלויכטן,
דבקות־ניגון פארביק פארטייטשט — —

## ימים-נוראימדיקס

היי־יאר וועט אפילו דער כל־נדרי אפיל זיין לעילה ולעילה. מ׳וועט צומאל אריינווארפן אין די „סערמאן־פרעדיקס" א יידישן וויץ, ווייל ס׳איז בדוק ומנוסה, אז א „דזשוּאיש דזשאק" עפנט ס׳יידישע הארץ און די יידישע קעשענע — שערי דמעות לא ננעלו! און ד׳מעות איז דאך תרתי משמע.

עס איז אבער צו האפן, אז דער רב הראשי וועט דאך האלטן זיין דרשה אין יידיש. ער האט טאקע צוויי ענגלישע דאקטאראטן, ווי מען גיט אונז אין נדן אריין, אבער אן דעם ביסל ידישקייט מיט א יידישן טעם צי איז דען נאך בכלל נויטיק אן עקסטרא „פעדערייטאן קהילה"?

ביי דער געלעגנהייט, זאגן מיר דעם חשובן רב, וואס איז נאך א היימישער גדול, א הארציקן ברוך הבא.

## א קוויטל צו לייגן אין דער כותל-מערבי

(דר. יעקב מייטליסן צום געזונט ווערן און זיין עולה־רגל זיין)

אויב נישט באשערט מיר די כותל וואנט,
מיט מיין אייגענער האנט אנצורירן;
מיט מיינע פינגער די ווארעמקייט,
„פונם הארץ פון דער וועלט" צו בארירן.

אויב נישט די זכיה איך האב דערצו,
לאמיך כאטש א קוויטל אהינשיקן;
נישט ווייל א חולה מסוכן כ׳בין,
נישט כ׳זוך פאר מיין נשמה א תיקון.

„אזנים לכותל" — זאל זי הערן,
ווי אין די תפוצות איבערגעגעבן,
צום הייליקן ירושלים,
דער מינדסטער ייד נאך מיט לייב און לעבן.



ווער בין איך? אן אבר מדולדול!
אריר און אינגאנצן אפגעריסן!
און ווי ס׳צאפלט מיין הארץ, ווי ס׳ציטערט,
יי־רו־ש־ל־ים — — זאל זי דאס וויסן.

אויב נישט באשערט מיר אויף דער כותל,
מיינע הענט, אויסגעשטרעקטע, צו האלטן,
תפילות שעפטשעדיק — מיינע ווערטער
זיין כאטש אין א פאלט פון אירע פאלטן.

און ווען די זון וועט שיינען אויף איר,
אויסגעגלעט די קנייטשלער אירע ווערן,
וועלן אויפגיין פון די אותיות,
מיינע איינגעזאפטע הייסע טרערן.

## און די מעשה איז אויס

...דא מוז דער רעדאקטירער זיין לייטארטיקל און „ווערן א האז" — כ׳מיין א קאלפארטירער: ס׳ליגן נאך א 100 „לשון און לעבנס" פון „האלידעי"־חודש און ווילאנג זיי ליגן וועט דער ראש־השנה־נומער נישט קאנען דער־שיינען — כ׳בין אויפן פלאץ!

## א כתיבה וחתימה טובה

ביים פארקויפן „לשון און לעבן" האט מיר א באקאנטער לאנדאנער רב צוגערופן: „פארקויפט דאך בעסער תהילימלעך". וויל איך דעם אנגע־זעענעם רב זאגן: דער נעים זמירות ישראל, דוד המלך, נויטיקט זיך לגמרי נישט אין מיין הילף. אין זכות פון זיין תהילימל לעבט נישט נאר דער יידישער קלער, נאר להבדיל אויך די גויאישע, די ערלעכע און פארקויפטע. און נאך עפעס, די „איינגאהמע" פונם פארקויף פון תהילימלעך איז נאך עד־היום גרעסער פון אלע נאפט־קוואלן אין מיטל־אזיען... און ווייל אייער צורופן איז דאך געווען אין גוטן מוט, זאג איך אייך אין גוטן מוט: א כתיבה וחתימה טובה.

## און צום סוף

ווי וואלט איך געוואלט כאטש אין מיין ליד,
קלאר ווערן וואס אזוינס איז א ייד,
וואס אזוינס וועלט און וואס מענטש און גאט.
דערפאר קיין שיעור מיין שרייבן האט.
ראש־השנה, וועט איר מיר פארגעבן!
און איבער־א־יאר אז מ׳וועט דערלעבן —

מ׳וועט זיך ווידער מענטשען, איך און איר,
אזוי אייביק, עס האט דען א שיעור,
ביז זיך טיף דערגריבלען — ביזגל צום גרוב —
איך מיט מיין פען א פויגל מיט א דזשוב.
א מענטש הייסט מענטש, פלעגט א רבי זאגן:
ער מענטשעט זיך! נו, וועט מען זיך פלאגן.

דער באקאנטער אקטיאר און רעציטאטאר יידל גאלדבערג **האט דורכגע־מאכט אן אפעראציע און געפינט זיך אויף רעקאנוואלעסצענץ. מיר ווינטשן אים א גוטע בעסערונג.**

„לשון און לעבן״

דער באקאנטער אקטיאר און זינגער בערנארד מענדעלאוויטש **איז אין שפיטאל אויף אן אפעראציע. מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.** לשון און לעבן

אייניקלעך און אוראייניקלעך און אלע אירע קרובים און פריינט אסך גוטע געזונטע יארן.

פרוי גוסטע געפמאן ווינטשן אירע קינ־דער סאלאנט אין ישראל, און ברודער אין לאנדאן, יוליאן גראס און פאמיליע און מומע ליזע און אלע פריינד בכל מקום שהם א כתיבה וחתימה טובה.

יצחק פייגנבלאט ווינשט זיינע קינדער, משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

שלום יאקובאוויטש פרוי און קינדער ווינטשן זייער משפחה, פריינט און אלע יידן א גוט יאר.

גדליה און מלכה ליכטענשטיין ווינטשן זיירע שוועסטער און ברודער, קינדער און דעם ליבע אייניקל, פריינד און גאנצע משפ־חה א רואיק און גליקלעך יאר.

שמואל מאקאטאוו ווינשט אלע חברים און פריינט א שנה טובה.

מ. בערנשטיין און פרוי ווינטשט זיינע קרובים און פריינט א גוט געזונט יאר.

מערי קאהען **א גוט געזונט יאר קרובים און פריינט.**

וואלף קאסאוו און `משפחה ווינטשן אלע זייער קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

ישראל און בעטטע שפעטמאן ווינטשען דעם כלל ישראל א שנה טובה.

מר. און מרס. סעם הערסט ווינשן זייערע זין, טאכטער, שנירס, אייניקלעך, משפחה און קרובים אין ישראל, רומעניע, אמע־ריקא, א כתיבה וחתימה טובה.

מרס. טאבאטשניק ווינשט אירע קינדער און אלע פריינט א גוט יאר.

סעמועל, 97 ניוראד „סעקענט קלאטה שאפ״ ווינטש אלע זיינע פריינט א גוט יאר.

משה מארקאוויטש און טאכטער ווינשט זיינע זין, שנירס, טעכטער, פאמיליע, מעמ־בערס פון נעלסאן שול א כתיבה וחתימה טובה.

דוד בערמאן ספרים און מארקן־סוחר פון 207 לאוער קלעפטאן רויד. א.5, ווינשן זייערע גוטע פריינט און באקאנטע א כתי־בה וחתימה טובה.

יצחק גארדאן ווינטש זיינע קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

שיע בירענבוים ווינשט זיינע קרובים און פריינט א גוט געזונט יאר.

אברהם ברוך באש **דער בעל בית פון מע־נער האטעל אין וועסטקליף ווינשט א כתי־בה וחתימה טובה אלע זיינע פריינט קרובים און די געסט אין זיין האטעל.**

חיים האלדזשטוק ווינשט כתיבה וחתימה טובה זיין משפחה און פריינט.

ישראל שטיגלץ **א גוט געזונט יאר זיין משפחה, פריינט, דא און מעבר לים.**

מרס. שרה לאה האכשטיין ווינטשט איר פאמיליע, פריינט און זון און קרובים, בכל מקום שהם, א גוט יאר, און א כתיבה וחתי־מה טובה.

**א כתיבה וחתימה טובה אונדזערע קרו־בים, קאלעגן און פריינט אין אייראפע, מדי־נת ישראל, פאראייניקטע שטאטן און לא־טיין־אמעריקע —** ש. י. און נעלי הארענ־דארף. **לאנדאן, ערב ראש השנה, תשכ״ז.**

**א גוט געזונט יאר אלע מיינע קרובים און פריינט —** הענעך לעווקאוויטש.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור. טעאטער. קונסט און קולטור

נומער 12־11 (העפט 32־431) אכט און צוואנציקסטן יאר נאוו.־דעצ. 1967 לאנדאן

אינהאלט:

די אכט מנורה ליכטלעך חנוכה, ישראל און שלום־לידער ........ *** 1
דאס ערשטע יאר פון גאולה ........ י. ריכטיגער 9
ביי א פארמאכטער טיר, צוועלף (לידער) ........ יוסף לעפטוויטש 17
פרעגסט ווי איז מיין לעבן, איך קאן נישט זינגען (לידער) ........ שמואל ווהייט 17
זינגט א פויגל (ליד) ........ עלע זילבערג 18
בראשית אין אנהייב (שלוס פון קאפיטל), אין מיין ווייטשעפל־געסל 1967
(לירישע פאעמע) ........ א. נ. שטענצל 18
א בריוו פון אן עלטער מומע צו איר פלימעניק (סאטירע) משה בעקערמאן 32
לאנדאנער קולטור ידיעות
יידיש ליטעראריש שבת נאכמיטאגס

## יידיש ליטעראריש שבת נאכמיטאגס

(אין בערנארד באראן סעטלמענט, 33 הענריקעס סטר. שבת 3 א זייגער)

שבת, דעם 30׳סטן דעצעמבער — א חנוכה פראגראם: חנוכה־געלד פון שלום עליכם נעט רובין, חנוכה־לידער מאיר באגדאנסקי.
שבת, דעם אַ׳סטן יאנואר — 70 יובל יאר פון בונד, רעדנער סעם לעוו.
שבת, דעם 13׳טן — יעקב ריכטיגער איבער זיין נסיעה אין אמעריקע.
שבת, דעם 20׳טן — רעציטאציעס פון לאנדאנע פאעטן און שרייבערס.

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS.
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל
**פרייז 2 שילינג**

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press. 129-131 Cavell Street, London, E.1*